STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08942

# BLETER AFN VINT

Simja Sneh

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סימכע סנע

# בלעטער אַפֿן ווינט

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף
פונעם לאַנדסלייט־פאַריין פון פולאַוו
דעמבלין און אומגעגנט אין ב.־איירעס.

סימכע סנע

# בלעטער אפן ווינט

## לידער און פּאָעמען

פאָרוואָרט פון זישע וויינפער

הילע געצייכנט מ. פייגנבלום

בוענאס איירעס

1948

Copyright by
S. Sneh, Buenos Aires

SIMJE SNEH

# "BLETER AFN VINT"

*"Hojas al Viento"*

(VERSOS Y POEMAS)

Prólogo de **Zishe Vainper**

Portada de **M. Feiguenblum**

ז. וויינפּער

# סימכע סנע

## (פּאָרטרעט)

### א.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז איר וועלטלעכקייט. נישט שטענדיק איז זי דאָס געווען. אין מענדעלעס פּעריאָד האָבן יידן געקאָנט נאָר דריי טייכן, — דעם יאַרדן פון כומעש, דעם סאַמבאַטיען, וואָס וואַרפט מיט שטיינער פון זיך, און די גנילאָ־פּאַטעוּוקע, וואָס דער זיידע האָט פאַר אונדז אַנטדעקט באַ גלופּסק. וועלט־לעך הייבט זי אָן צו ווערן מיט דער יידישער אויסוואַנדערונג פונעם טכום צו נייע אַנדערע לענדער און קאָנטינענטן. אין די טעג פון שאָלעם אַליי־כעמס מאָטל פּייסע דעם כאַזנס איז אונדזער ליטעראַטור שוין אין פולן גאַנג צו וועלטלעכקייט און איצט איז דאָך בעעמעס נישטאָ נאָך אַ ליטע־ראַטור, וואָס זאָל זיין אַזוי וועלטלעך ווי אונדזער יידישע.

זייענדיק וועלטלעך געאָגראַפיש, איז זי שוין בעמיילע וועלטלעך־אידיי־איש. פונקט ווי אַלע קלימאַטן, פּייזאַזשן אַף דער גאָרער ערד, וואָס קומען צום אויסדרוק דורך דעם שאַפן אַף יידיש, קומען אויך צום אויסדרוק אַלע אידייען־שאַטירונגען אַף דער וועלט.

אונדזער יידישע ליטעראַטור איז פאַר זיך אַליין אַ וועלט־ליטעראַטור אין מיניאַטור.

דאָס איז איר כעסאָרן און אויך איר מאַילע. איר כעסאָרן — די שטענדיקע געפאַר פון אָפּגעזונדערטקייט. אָט זענען מיר דאָך שוין צוגע-

וואוינט צו באצייכענען אַפּגעזונדערטקייט. מיר רעדן פון אַ סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, פון אַן אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור, און פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אונדזערער האָבן מיר אויך גערעדט פון דער פּויליש־יידישער ליטעראַטור. וואָס שאַיעך איר מאַילע איז דאָס אַוואַדע איר פאַרשיידנפאַרביקייט. אָבער אָט די מאַילע וועט ערשט ווערן אַ גרויסע דערגרייכונג, ווען דאָס יידיש־רעדנדיקע און יידיש־שאַפנדיקע פאָלק וועט פאַרוואַנדלען דאָס יידישע לאָשן און די ליטעראַטור אין אַ שטאַרקער רייף אַרום זיך פאַר נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג.

פאַר אַ מענטשן ווי איך, וואָס נאָווענאַדעוועט אַזוי פיל פאַר די לעצטע צען יאָר אַף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט פאַר דעם איקוף, איז דאָס יידישע וואָרט אומעטום דאָס פעלד פאַר פּאָרזיי, פאַר שגיט, און פאַר מענוכע.

געבענטשט זאָל עס זיין, אָט דאָס טייערע יידישע וואָרט, וואָס קומט מיר אַנטקעגן סיי אין די שטעט פון מיין אייגן לאַנד, — די שטאַטן, און סיי אין די אַנדערע לענדער אַפן קאָנטינענט.

יידיש וואָרט אינעם טראָפּישן האַוואַנאַ פון קובאַ, אינעם באַרגיקן זוניקן מעקסיקע פונעם אַצטעקנלאַנד, אינעם שנייאיקן קאַנאַדע, אין דעם באַרגיקן טשילי, און אָט באַד איך זיך דאָך מאַמעש אין יידיש אַף דער ערד פון אַרגענטינע, דעם דאָרעם פון אונדזער גרויסן קאָנטינענט.

יידיש אין די מיילער פון טייערע יידישע פאָלקס־מענטשן, און יידיש דורך די ווערק פון יידישע פאָלקס־קינסטלער.

אומעטום, וואו יידיש ווערט גערעדט, זענען דאָ אויך די וואָרט־קינס־טלער אַף יידיש. זיי זענען דאָ אין קובאַ, אין מעקסיקע, אין קאַנאַדע, אין טשילי, און אָט באַגעגן איך זיך מיט יידישע וואָרט־קינסטלער אין בוענאָס־איירעס פון אַרגענטינע.

אַ שאָד, וואָס אין די גרעסערע צענטערס פון יידישן שאַפן ווייסט מען אַזוי ווייניק וועגן די יידישע שעפערישע קויכעס אין די קליינע צענ־טערס. עפּעס ווייסט מען יאָ, אָבער נישט גענוג. מען זעט זיי אין די פאַר־שטעלונגען, אָבער מען דערזעט זיי נישט גענוג. מען הערט זיי, אָבער מען דערהערט זיי נישט גענוג. און אַז עס טרעפט עמעצער פון אַ גרעסערן צענ־טער פאַלט אַריין אין אַ קלענערן און שלאָגט זיך אָן פּאָנעם־על־פּאָנעם, און הייבט אָן נישט נאָר זען, נאָר דערזען, נישט נאָר הערן, נאָר דערהערן,

איז זיין כוייו דאָס דערזעענע און דאָס דערהערטע נישט באהאלטן אין זיך, נאָר זיך טיילן מיט דעם.

ג.

אָט איז א יונגער שפּאָגל-נייער קויעך, וואָס טראָגט זיך איבער די גאסן און געסלעך פון בוענאָס-איירעס אין ארגענטינע, און דער נאָמען פון אָט דעם יונגן, שפּאָגל־נייעם קויעך איז סימכע סנע.

ווער איז ער? פונוואנען קומט ער? און וואָס ברענגט ער מיט זיך מיט?

ער איז א יונגערמאַן פון עטלעכע־און־דרייסיק מיט א טונקל-האָניק קאָלירטע טשופּרינע, א ברוין־אָפּגעברענט, ווינטיק פּאָנעם, צוויי ברייטע נעגערישע ליפּן, דורך וועלכע עס קריצן זיך געזונטע שארפע ציין. דאָס קאָל זיינס, א שווערס, וואָס גיט דעם איינדרוק פון פּליסיקן בליי, פּויזנ־דיק פון אונטן ארויף אף א סקאַלע. געבוירן און געהאָדעוועט אין ווארשע, האָט ער דורכגעמאכט סאָלדאַטשינע אין דער פּוילישער ארמיי פון פאַר דער מילכאָמע, דערנאָך א שטיקל צייט אין דער רויטער ארמיי פונעם ראַטנפאַרבאנד, פון איר אריבערגעוואָרפן אין דער פּוילישער ארמיי פון גענעראַל אנדערס, קעדיי שפּעטער צו ווערן א מיטגליד אין דער קעמפנדי־קער יידישער בריגאַדע פון ערעץ-איסראָעל. וואַנדערט אום אין א צאָל לענדער פון אייראָפּע און אזיע, אריינרעכענענדיק אויך ערעץ-איסראָעל און איצט בוענאָס־איירעס — ארגענטינע.

ווי די טשופּרינע אף זיין קאָפּ איז אויך זיין געמיט היפּש צעשויבערט. עס שלאָגט מיט ווינט פון זיין באנעמונג און פון זיין האַלטונג און ווינטיק איז דאָס וואָרט, וואָס פאַלט אף אייער אויער. אזוי ווינטיק, אז עס ווערט אייך שווער אָפּטמאָל אים צו האָבן ארום זיך, און דאָך איז גראָדע אָט די שווערקייט אין אים, וואָס האַלט אייך צוגעשמידט צו אים און זי וועקט אייער נייגער.

דאָס געפּעק, וואָס ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך קיין בוענאָס-איי־רעס־ארגענטינע, איז בלויז אַן איבערבלייבעכץ פון דעם, וואָס ער האָט אין זיין געיעג איבערגעלאָזט בא גרענעצן פון פאַרשיידענע לענדער און קאָנ־טינענטן, און דאָס וואָס איז געבליבן איז פונקט אזוי צעשויבערט און אזוי

שוּוער, ווי ער אַליין איז, און דאָך האַלט דאָס אייך געשפּאַנט, און צווינגט אייך צו קוקן אויף דעם, זיך צוהערן צו דעם.

אַזוי האָב איך געפילט באַם איבערלייענען זיינע אַ גרעסערע דערציי־לונג וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן, אַזוי פיל איך באַם לייענען זיינע אי־בערלעבונגען, וואָס דרוקן זיך קאַפּיטלעכווייז אין דער בוענאָס-איירעסער „די פּרעסע". און אַט ליגן פאַר מיר די אָפּדרוקן פון אַ זאַמלונג לידער זיינע, וואָס וועלן באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בוך באַם „איקוף"-פאַר־לאַג אין אַרגענטינע.

ד.

אַט לייען איך די אָפּדרוקן זיינע... „אַ מאַיסע מיט אַ ווייסן האָז און אַ קליינטשיק יינגעלע" און איך האָב דאָס געפיל, ווי סימבע סנע שטייט מיט אַן אייזערנעם קאַם און זוכט צו פאַרקעמען די צעשויבערטקייט פון זיין געמיט.

ווייסער האָז און יידיש יינגעלע — זיי ווייען מיט גלעט איבער דער וואונד פון דער גרויסער ברוינער קאַטאַסטראָפע.

און אַט איז שוין ווידער דער ברויזנדיקער ווינט, וואָס וואַרפט, צע־שליידערט און צעשויבערט:

אפן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איינגעבויגן.
ליגט אַ קינד אין גראָז אין גרינעם
מיט פאַרגלייזטע אויגן.

דאָס קינד האָט געהייסן... נו, איך ווייס נישט...
אָבער צי איז עס דען וויכטיק?
וויכטיק איז נאָר, אַז עס הייסט נישט,
און אַ געקוילעטעס ליגט עס...

און נישט קיין וואונדער. צופיל אָנגעלאָדן מיט די גרוילן מוזן זיי דאָך אויסגעלאָדן ווערן, קעדיי עס זאָל ווערן גרינגער.

גראָע ווינטן, נעפּל-קנויל
אין צעשוועבלטע מישמאַשן

און עס טראָגן
זיך און יאָגן
שטיקנדיקע שווערע אַשן.

פייפט אַ ווינט, אַ שוואַרצער ווינט
מיט אַ פּלאַטערדיקער גריווע:
האָפּ־גאַלאָפּ
און אויף זיין קאָפּ
אַ מיליאָנענדיקע שיווע.

אין גייענג אונטער צעשוועבלטע מישמאַשן, אונטער שטיקנדיקע אַשן און שוואַרצן ווינט מיט פּלאַטערנדיקער גריווע, וואָס וואָיעט און וויינט מיט מיליאָניקער שיווע, איז נישט קיין וואונדער די צעשויבערטקייט, איז נישט קיין וואונדער די רוגזע, וואָס טראָגט זיך פון דעם אַזוי נאָך יונגן סימכע סנע. אָט די צעשויבערטקייט וועט זיך פאַרקעמען און די רוגזע וועט איבערגיין אין ליבשאַפט, וואָרום עס איז דאָ די ליבשאַפט אין אים — אַ ליבשאַפט, וואָס וועט ווערן קאָנסטרוקטיוו פאַר אונדזער אַלעמענס וויי־טערדיקן לעבן:

ווי גוט איז צו זיין שטאַרק און יונג
און וועלן, און וואַקסן, און שטרעבן
און לעקן דאָס זאַלץ פונעם לעבן
מיט אייגענער, קעלבערנער צונג.

עס איז בײַ מיר קיין שום ספק נישט, אַז מיר האָבן אין דעם יונגן סימכע סנע אַ דיכטער מיט אַ גרויסער און שווערער מאַסע אויף די פּליי־צעס. די מאַסע דריקט אים, בייגט אים צו דער נידער און דערפאַר די בייז־קייט, וואָס מיר פילן אָפט פון אים, סיי אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט און סיי אין זיין וואָרט, אָבער אין דעם פּראָצעס פון זיין אויסליידיקן ווערט ער גרינגער, און אַז אָט די גרינגקייט באַווייזט זיך איז זי מאַמעש אַ מעכייע.

טייבעלעך ווייסע
טייבעלעך צוויי
דרייען זיך
פאָכן
מאַכן

א ראד
ציטערן
פלאטערן
פאלן אראפ
ווי צוויי שטיקלעך שניי
אף
מיין
קאפ.

טייבעלעך ווייסע
טייבעלעך צוויי
פארקען זיך
ווארקען
זוכן א וועג
צעשפרייטן די פליגל
אין מינדעסטן פלעק
א הויב זיך
א דריי
און —
אוועק.

טייבעלעך ווייסע
וואלקנדלעך בלאָע
זונשטראלן הייסע
אין מידבער אין גראען
וואו
זייט
איר?

וויפל בענקשאפט עס שלאָגט פון אָט די ריטמישע אימאזשן, בענק־שאפט נאָך באפרייאונג פון דער שווערער מאסע אף זיינע יונגע, געבויגענע פלייצעס!

און עס איז די בענקשאפט נאָך דער גרינגקייט וואָס רייסט זיך דורך זיין שווער אָנגעלאָדן וואָרט, וואָס פארכאפט און שמידט צו אים צו.

דער יונגער סימכע סנע איז מיט זיין איצטיקן גאנג אין דער בכינע פון א גייער דורך א ווינטיקער, רעגנדיקער נאכט צו דעם אָנקום פון א זו־ניקן טאָג. דער גאנג איז א שווערער. מען ווערט נאס, און דורכגעציטערט פון ווינט, אז מען גייט מיט אים מיט, אָבער פאָרויס אים זעט זיך שוין דער אָנקום פון זונאויפגאנג!

## ה.

מענטשן זאָגן: „ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזסטו אין זיין לאַנד גיין״. זיכער איז דאָ אַן עמעס אין אָט דעם זאָג. קאָנענדיק דאָס לאַנד פונעם דיכטער, איז גרינגער דעם דיכטער צו באַנעמען. אָבער ניסט אין אַלע לענ־דער קאָן דאָך אַ מענטש זיין, און עס איז דערפאַר אַמאָל ראַטזאַם דורכן דיכטער גופא צו זיין לאַנד דערגיין, און דורכן דיכטער זיין לאַנד דער־קענען.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין נאָענטקייט סימכע סנע, איז געווען אין אַ שטוב באַ פריינט.

אַ שיינע מעסיבע געווען. אַ שיין געדעקטער טיש אויך און ליכט האָבן געברענט און געוואָרפן אַ ליבע וואַרעמקייט אַרום אונדז, אָבער ער, דער יונגער סימכע סנע, האָט זיך אַלע מאָל אַ צי געטאָן, ווי אַ וואָלקן געטראָגן פון אַ קאַלטן ווינט, און עס האָט פון צייט צו צייט אַ דראַע געטאָן מיט רעגן.

מיר איז שווער געווען פון אָט־דעם וואָלקן, און איך האָב זיך געהאַלטן אין איין ראַטעווען, אָט אינעם שיין פון די ברענענדיקע ליכט, אָט אין דער וואַרעמקייט פון די ליבע מענטשן אַרום זיך.

אָט אַזוי דאָס ערשטע מאָל, און אָט אַזוי אומצייליקע מאָל נאָך דער ערשטער באַגעגעניש.

מיר איז געווען שווער פון סימכע סנעס רוגזע אויף דער סוויווע אַרום זיך, און אָט־די שווערקייט האָב איך געפילט ניסט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט און ווי אַזוי ער האָט דאָס געזאָגט, נאָר אַפילע דער טאָן און זיין קאָל איז מיר שווער געווען.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב אים געהאַט לעבן זיך, בין איך געווען צו־פרידן, וואָס עס איז דאָ נאָך עמעצער אַרום. ניסט איין מאָל האָב איך זיך געראַטעוועט אין דעם גוטמוטיקן פּאָנעם פון דעם דיכטער יאָסל גאָלד־בערג, די באַרואיקנדיקע בליקן פון מיין חבר לינקאָווסקי, און דעם וואַ־רעמען געשטאַלט פון דעם שריפטשטעלער פיניע קאַץ און אַפילע אין דער אומרואיקייט פונעם דיכטער קעהאָס קליגער האָב איך זיך געזוכט צו ראַטעווען.

— וואָס טוט מען מיט סימכע סנע? — האָב איך געפרעגט און אין

אַט דער פראַגע אַליין איז אָבער געווען טיפער אינטערעס צו אַט דעם יונגן באָכער, וואָרים ווען עס וואָלט קיין אינטערעס נישט געווען, וואָלט דאָך די פראַגע אויך נישט געווען.

א מאָדנע זאַך מיט אַט דער בראָכע, וואָס מען רופט אָן „טאַלאַנט". נישט איינמאָל, פאַלט אפילע אזוינס, וואָס איז טאַלאַנט שווער אַף דיין געמיט, אָבער עס איז א שווערקייט, וואָס לאָזט דיך נישט באפרייען פון זיך און דו אַליין ביסט אויך אזוי צוגעשמידט, אז דו ווילסט זיך גאָרנישט באפרייען.

מיר איז שווער געווען מיט סימכע סנע, און דאָך האָב איך אים געוואָלט זען, געוואָלט באַגעגענען, אַפילע איידער איך האָב טויעס־טאָאם געווען פון זיין שרייבן און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל פון אונטער זיין שווער געמיט האָט גערעדט צו מיר די צעשויבערטקייט פון זיין לעבן הינטער אים, אַט דאָס לעבן, וואָס איז אייגנטלעך אונדזער אַלעמענס, נאָר בעשאָס מיר אַפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָבן דאָס בלויז געאָנט, האָט ער דאָס געטראָגן און געטראָגן געוואָרן פון דעם.

ז.

ווי לאַנג קאָן איך אים אינגאַנצן, אַט דעם יונגן, געזונטן און דאָך געבויגענעם סימכע סנע?

עס איז דאָך אינגאַנצן א וואָך זעקס, אז איך געפין זיך אין בוענאָס־איירעס, און דאָך קאָן איך אים שוין לאַנג, — זייער לאַנג. אזוי לאַנג, אז ער איז שוין אייגן, און עס איז אַט די אייגנקייט, וואָס האָט שוין אויך די שווערקייט אויך אייגן געמאַכט און מעמיילע איז זי שוין פיל גרינגער אַט די שווערקייט.

ביפראַט אינעם איצטיקן מאָמענט, ווען מיינע אויגן טראָגן זיך איבער די פערזן פונעם בוך זיינעם, וואָס ווערט באַלד דערשיינען.

זאַ ראדינו! זא סטאַלינאַ!
(ערגעץ וואַקסן מאַלינעס)
איך לויף — איך לויף — איך לויף —
צו די שטיוול בלאַטע קלעפּט זיך
(עפשער לעבט זי? עפשער לעבט זי?)
איך לויף — איך לויף — איך לויף —

גראָע שינעלן פון אַלטעשקע זייטן
(ערגעצוואו וואקסן בלומען אויף בייטן)
איך לויף — איך לויף — איך לויף —
גוט איז, וואָס פיאַדאַר איז טאַקע דערנעבן
(וועל איך בלייבן לעבן? וועט ער בלייבן לעבן?)
איך לויף — איך לויף — איך לויף —

שטאַליקע שורעס, וואָס גליען און עסן זיך איין אין דיר מיט זייער מענטשלעכן עמעס, מיט זייער דיכטערישן עמעס, און דער מענטש הינטער זיי טוט אַ וואקס אויס, און דער דיכטער הינטער זיי דערזעט זיך און דערהערט זיך און ביידע, די דער מענטש, און די דער דיכטער גיסן זיך צונויף אין איינס, וואָס ווערט שוין דיין אייגנטום.

ז.

איז סימכע סנע ארגענטיניש?

ניין, ער איז דאָס נאָך נישט. בוענאָס-איירעס איז דערווייל די ערשטע סטאנציע פאר אים, פאר אויסלאָדונג, און ווייל די ערד פון דער אויסלאָדונג איז אים נאָך אַ פרעמדע, איז די אויסלאָדונג אַ שווערע, און מעמיילע איז זי איריטירנדיק פאר זיין שווער געמיט. מיט דער אויסלאָדונג וועט קומען די באפרייאונג און מעמיילע דער אַפּעטיט פאר אריינגעמען אין זיך.

ווי גוט, וואָס אין אַרגענטינע איז דאָ וואָס צו נעמען פאר אַ יידישן דיכטער. עס איז דאָ אַ שיין און פארביק לאנד ארום זיך, וואָס האלט נאָך ערשט אין יערן און ווערן. עס איז דאָ אַ געשמאַקער, פרוכטבארער יידי־שער יישעוו, וואָס קאָן און וועט געבן אַ סאַך גייסטיקע נארונג דער נייער אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור אין לאַנד.

דערווייל זיינען ארגענטיניש און טאַקע היפּש אייגנארטיק — ארגענ־טיניש די דיכטער: קעהאָס קליגער, יאָסל גאָלדבערג, מאָשקאָוויטש און דער נאָוועליסט בערל גרינבערג.

ארגענטיניש זיינען די זשורנאליסטן און פּובליציסטן פון דער טעג־לעכער פּרעסע, די לערער אין די שולן און די קולטור־טוער און קלאל־טוער אינעם יידישן לעבן פון לאַנד.

סימכע סנע איז דאָס נאָך נישט. ער קאָן דאָס נאָך נישט זיין. אָבער

אין אים האָט דער יידישער יישעוו פון אַרגענטינע צוגעקראָגן אַ דיכ-טערישן קויעך פון וועלכן מען מעג אַ סאַך דערוואַרטן.

זאָל ער זיך אויסלאָדן פון זיינע „צעשוועבלטע מישמאַשן” און פון די שוואַרצע, ווינטיקע שווערע אַשן און אויך אביסעלע פון די זייטיקע האַש־פּאָעס, וואָס פילן זיך מאָמענטנווייז אין זיין טאָן, אין זיין מאַניער, און אינעם געבוי פון זיין פערז, און עס וועט זיך באַווייזן פאַר אונדז אַ פּאָנעם פול מיט אייגנאַרטיקייט.

ער האָט דאָס אין זיך, און אין די לידער פון אָט דער זאַמלונג זעט זיך דאָס און אַף אַ גאָר, גאָר בוילעטן אופן.

עס זעט זיך דאָס אייגנאַרטיקע פּאָנעם פון אַ יידישן אייגענעם מענטשן און אַ דיכטער.

די ברוינע קאַטאַסטראָפּע האָט צוגענומען בא אונדז אַזוי פיל יידן און מיט זיי אַזוי פיל יידישע קינסטלער, ווי גוט איז צו דערזען אַ נייעם.

עס איז אַ טרייסט אים אויפצונעמען אין דער מישפּאָכע!

שאָלעם אַלייכעם סימכע!

איך ווייס נישט וואו עס געפֿינען זיך די קבֿרים פֿון מיינע טייערסטע און ליבסטע. זאָל די דאָזיקע ערשטע זאַמלונג מיינע זיין אַ מאַצייווע פֿאַר זייערטוועגן. „יתגדל ויתקדש...״ גרוים און הייליק וועט זיין פֿאַר מיר דער אָנדענק פֿון דער פֿאַרשניטענער מישפּאָכע מיינער, פֿון דער מישפּאָכע ראָזענבלאַט וואָס האָט געוואוינט אין שטעטעלע פּולאַוו, לובלינער קאַנט, אין פּוילן.

**
*

די לידער און פּאָעמען פֿון אָט דער זאַמלונג זענען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1941־1947. אָבער נישט אַלע לידער זענען מיט מיר מיטגעקומען אַהערצו. דער ווייט־גרעסטער טייל איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַף די ווייטע וועגן פֿון רוסלאַנד, צענטראַל־אַזיע, פּערסיע, איראַק, ערעציסראָעל, עגיפּטן און אייראָפּע. פֿון די סאַמע ערשטע האָב איך קיין איין ליד נישט געראַטעוועט. עמעס, פֿיל פֿון די פֿאַר לוירענע לידער האָב איך זיך דערמאָנט און איבערגעאַרבעט פֿון זיקאָרן, אָבער נאָך מער זענען פֿולשטענדיק צעריגן געוואָרן אינעם אומרו פֿון נאַוונאַדעווען.

**
*

די פּאָעמע „שרייב מיר אַ בריוועלע, מאַמעשי!״ ווידמע איך דעם אָנדענק פֿון מיין מאַמען טובה בת אהרון־דוב ראָזענבלאַט, וואָס איז אומגעקומען אין אַ פֿראָסטיקער נאַכט פֿון דעצעמבער 1939, אַפֿן וועג פּולאַוו־קוזמער, ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די פּולאַווער יידן פֿון זייערע היימען. די פּאָעמע „ראָזענבלאַט מאָרדכע־וואָלף״ — דעם אָנדענק פֿון מיין ברודער וואָס האָט אַזוי טאַקע געהייסן. ער איז

געפאַלן אין וואַרשעווער געטאָ. די „יאָרצייט־באַלאַדע" — דעם אָנ־דענק פון מיין זיידן, אהרן־דוב ווײַנטרויב. דאָס „ליד אָן אַ נאָמען — וועגן אַ קינד אָן אַ נאָמען" — די אומגעקומענע פּלימעניקעס מײַנע, די אויפעלעך וואָס אַ דײַטשישער פּאַטרול האָט זיי דערשאָסן, מײַנע שוועסטערקינדער שמועליק און דאַנקאַ אַנקער, און מיין ברודער־טעכטערל, דער צוויי־יאָריקער ראָכמעלע ראָזענבלאַט.

די פּאָעמע „שאַבעס־מאַלקע" און די „פּולאַווער סאָנעטן" זענען געשריבן געוואָרן צו באַערן מיין קאַרעווע היים, דאָס שטעטעלע פּו־לאַווו, וואו איך האָב מײַנע קינדערשע און יינגלשע יאָרן פאַרבראַכט.

***

דאָס ליד „בלעטער אַפן ווינט" איז אַ מאַטאָנע פאַר מיין פריינט, כאַווער און לערער, זישע ווײַנפּער. דאָס ליד „רעב ייצכאָק אין קאַ־זאַכסטאַן" — ווידמע איך איציק מאַנגערן. דאָס ליד „באַ מיר איז עס אַזוי..." — די לאָנדאָנער שרײַבער: ד"ר י. כ. קלינגנער, מאַקס הערשמאַן, ב. סאָכאַטשעווסקי, ס. פּאַלמע און ד. זיידנפעלד, אַלס אָן אָנדענק פונעם אינטערעסאַנטן שמועס, וואָס מיר האָבן פאַרפירט באַ סאָכאַטשעווסקין אין שטוב אין איינעם פון די פאַרנעפּלטע לאָנדאָ־נער אָוונטן. דאָס „נעגער־ליד פון ריאָ דע זשאַנעיראָ" — דער דער־ציילערן ראָזאַ שאַפּראַן.

***

דאָס ליד „אין קיבוץ" ווידמע איך מײַנע פריינט אין קפאַר־גי־לאָדי, ערעציסראָעל. די לידער: „פרעג מיך נישט!", „אַקוואַרעל", „דער גאַליל אין נעפּל", „דער שיקערער סאָנעט" און „שיכּושען" זע־נען געשריבן געוואָרן פאַר פנינה ט. אין ערעציסראָעל.

דאָס ליד „גרינע יאָנטוויוים" — אַ מאַטאָנע מײַנע פריינט, דער פאַמיליע סנע אין טעל־אַוויוו, און די „מאַיסע מיט אַ ווייסן האָז און אַ קליינטשיק יינגעלע" — דער קליינער רוטעלע לענגער אין בוע־נאָס־איירעס.

## סימכע סנע

בוענאָס-איירעס, אָקטאָבער 1947.

# באַ מיר איז עס אַזוי...

# בלעטער אַפן ווינט

די טעג מיינע, זיי גאָלדן זיך, מיט ליכט באַזוימטע, זוניקע
געבוירענע אין בלאָלעכע קאַיאָרן,
און ס׳גלוסט זיך מיר, צו שפּילן זיך אין מידבער אין אַרומיקן
מיטן וואונדערלעכן גלאַנץ פון מיינע יאָרן.

און ס׳ווילט זיך מיר פאַרהאַלטן זיי, ווי פרוכטן זומער־צייטיקע
און אָנזאַמלען די רייכעס און די זאַפטן
אין עמערס ריין־קרישטאָלענע, אין לאָגלען העל־געלייטערטע
אין ווערטער אויסגעכאָלעמטע פאַרגאַפטע.

****

זיי ברוינען שוין, די טעג מיינע, אומנוציקע, צעריסענע
ווי בלעטער אָפגעשליסענע פון צווייגן
פון וואָגלעניש צעטראָגענע, פון שלעכטן ווינט געשמיסענע
פאַרמאָרעשכוירעוועט, פאַרביטערט און פאַרדאַיגעט.

יאָג איך זיי, די טעג מיינע, אַף װעגן אַף צעשטורעמטע
אַ פֿאַראָקשנטער, פֿאַרביסענער, אַ מידער
מיט קישעף מיט פֿאַרצװיבערטן, מיט קלאַנג מיט אױסגעפֿורעמטן
מיטן הייסן װאָרט פֿון מיינע לידער.

***

די טעג מיינע, זיי רייסן זיך, װי בלעטער קאַלענדאַרענע
אין ציטערדיקן אצװעס אױסגעשפּינטע
און איך? איך פּרואװ דעריאָגן זיי, אַ צאַפּלענדיקער, װאַרעמער
אַ צעהױדעטער אַף צופּעליקע װינטן.

# מיין ליד

איך האָב דיך געוואַרעמט, מיין ליד!
אין פראָסטיקע נעכט און באַגינענס
צעבראָכן, געפרוירן, פאַרמאַטערט
אין לייזיקע, שמוציקע שמאַטעס
מיר האָבן זיך ביידע געפונען
און כ׳האָב דיך געוואַרעמט, מיין ליד.

איך האָב דיך געטראָגן, מיין ליד!
אויף שטעגן, אומוועגן און וועגן
פון טיפוס, געשוואָלן, געדראָלן
אין וואַנזיניק-קרענקלעכן כאָלעם
ביסטו מיר געקומען אַנטקעגן
און כ׳האָב דיך געטראָגן, מיין ליד.

איך האָב דיך געצערטלט, מיין ליד!
מיט אייטערדיק-קרעציקע פינגער
מיט הענט אָפּגעפרוירן, אין בלאָזן

פֿון אלע, פֿון אַלע פֿאַרלאָזן
האָב איך דיך, אַ צאַרטער און יונגער
געהאלדזט און געטוליעט, מיין ליד.

און איצטער, איך קום צו דיר, ליד!
גיי אויף אין מיר טיף און צעבלי זיך
און לייטער מיך אויס אין דיין אָטעם
און קיל אָפּ מיין קאָפּ אין דיין שאָטן
און לאַך, און זינג, און צעשפּיל זיך
און וויג מיך צום שלאָף איין, מיין ליד.

# פרעג מיך נישט!...

אזוי פיל וועגן ווייטע בין איך דורכגעלאָפן
מיד און אָפגעמאַטערט זענען מיינע פיס,
אויסגעמישט זיך האָבן דאָרעם — צאָפן
מאַירעוו — מיזרעך ווייס איך נישט וואו ס'איז.

ס'גרילצן נאָך פון ווייט לאָקאָמאָטיוון
ס'עגבערט זייער דורכדרינגלעכער פייף,
און מיר ווילט זיך אַ מאַיסע אַ נאַאיוווע
מיין מאַמעס וויגליד, און אַ קינדערישע רייף.

אזוי פיל ווערטער זיך געשטופט אין אויער
אזוי פיל מיטינגען אָף יעדן אָרט.
ס'האָט אַלץ זיך אומגעקערט און ליגט צעשיט קאַפויער —
ווי קען איך איצט געפינען מיינס אַ וואָרט?...

# בײַ מיר איז עס אַזוי...

אין אונטערבאַוואוסטזיין, אין טיפֿן
אין אײנזאַמען, נאַכטיקן שטיל
ווי פּערל עס טריפֿן און טריפֿן
טראָפּעלעך ליכטיק און קיל.

צאַרט ווי אַ זומערדיק ווינטל
ווי אַ זומערדיק וואָלקנדל ווײַס
באַמבלענדיק פֿינטל נאָך פֿינטל
מאַנענדיק, מאַנענדיק זײ'רס.

זיי ווערגן מיט בענקעניש שטומער
זיי קלעמען מיט שטילן פֿאַרדראָס.
דו ווייסט נישט פֿונוואַנען זיי קומען
דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט, נאָכוואָס?

אָבער גוט איז זיך אונטערצוגעבן
אָט דעם דרוק וואָס איז שטאַרקער ווי שטאָל,

און דו פילסט ווי די טראָפּן זיך קלעפּן
און וואַקסן אין שטיקער קרישטאָל.

און דו פילסט: עס איז נישט צום פאַרטראָגן
אַט דער לאַסט פון קרישטאָלענעם שטיין,
און דו פּרואווסט זיך פאַראַקשנט דערגראָבן
צום סאַמע יעסאָד פון דיין זיין.

געזוויטיקט, געליטערט, פאַרמאַטערט
באַקומסטו אַרוים דעם דיאַמאַנט —
און דו זעסט: ר׳איז אַ רויער און מאַטער
און דו וועגסט אים אין ציטריקער האַנט.

דאַן נעמסטו די איידלסטע קיילים
פון קלאָרן און שאַרפן באַגריף,
נעמסט וועגן, און מעסטן, און ציילן
און דו שלייפסט — און דו שלייפסט — און דו שלייפסט —

ביזוואַנען, צעשפּילט און צעזונגען
— די זון קומט אין אויפגאַנג צעגליט —
און דו שטייסט אין די מאָרגנרויט-פונקען
מיט אַ נייעם, בריליאַנטענעם ליד!

# אַ בריוו קיין קפֿאַר־גילאָדי

ס׳וועלן ווערטער אַוועק אין די ווייטן
ביז צו דיר דאָרט אין באַרגיקן צאָפֿן
און פֿאַרשטויבטע פֿון וועג און דערפֿרייטע
זיך צעזינגען אין ריטמישע סטראָפֿן.

ס׳וועט דיין בליק אַ דערשטוינטער און בייזער
מיט מיין יידישן פּערז זיך פֿאַרמעסטן.
(דיינע פֿינגער — אומרואיק־נערוועזע,
דיינע ליפּן — פֿאַראַקשנט־פֿאַרפּרעסטע.)

ס׳וועט די נאַכט שטיין אַ זומערדיק־שטילע
ס׳וועט די נאַכט זיין אַ ציענדיק־באַנגע.
וועסטו פֿרעגן: און איצטער וואָס וויל ער?
וועסטו פֿרעגן: וואָס קען ער פֿאַרלאַנגען?

וואָלט איך וועלן:
מיין ליד זאָל זיין פּאַשעט

פונקט ווי פּאַשעט געווען איז מיין מאַמע,
ווי אַ קינדישער „בוירע-נעפּאָשעס"
געהילט אין פאַרנאַכטיקן סאַמעט.

וואָלט איך וועלן:
מיין ליד זאָל זיך שטראָמען
ווי סע שטראָמט צווישן פעלדער אַ טייכל —
אַ טייכל אַ קליינס, אָן אַ נאָמען
נאָר באַצירט מיט אַ זוניקן שמייכל.

וואָלט איך וועלן:
מיין ליד זאָלסט דערפילן
ווי די טויאיקע ציטריקע טראָפּנס,
וואָס טריפן פון צווייגן אין פרילינג
דורכן אָפענעם פענצטער צוקאָפּנס.

וואָלט איך וועלן דאָס אַלעס דערגרייכן
וואָלט איך וועלן דאָס אַלץ דיר אויסטייטשן,
און מיר דוכט זיך: איך זע שוין אַ שמייכל
גלייכט אויס אָף דיין שטערן די קנייטשן.

און אַכוצדעם וואָס קען איך נאָך וועלן?
און אַכוצדעם וואָס קען איך פאַרלאַנגען??
און די נאַכט איז — אַ זומערדיק שטילע,
און די נאַכט איז — אַ ציענדיק באַנגע...

# דאָס נעגער־ליד פון ריאָ דע זשאַנעיראָ

שוואַרץ איז מיין הויט, און געקרייזלט די האָר
און כ'טרינק אינדערפרי פון א גאָלדענעם בעכער
דעם אויפגאַנג דעם שטילן פון ווייכן קאַיאָר.

שוואַרץ איז מיין הויט, און ווייס מיינע ציין
און כ'קלאַפּ אינדערפרי מיט א גאָלדענעם פעכער
די בלאָע, אזשורענע סימכע פון   ז י י ן.

שוואַרץ איז מיין הויט און מיין קערפּער איז יונג
און כ'פיל אינדערפרי ווי עס פינקלט און שפּרינקלט
דער טאַאַם פון לעבן אויף שפּיץ פון מיין צונג.

שוואַרץ איז מיין הויט, און פלינק איז מיין האַנט
און כ'בינד אינדערפרי אָפּ מיט פינגער מיט פלינקע
די קופּערנע זון פון פּורפּורענעם ראַנד.

# אַפֿן װעג שטײט אַ בױם...

פולאַווער סאַנטעמ

# ו- לאַנ־בעאוימער

אין זאַפטיקן גרינס, איינגעפלאָכטן אין ביימער,
אַף פּאַרטיטורן פון פויגל־געפלוידער,
צעשפּילן זיך גרינלעכע מאַיסעס און סוידעס
אין גאָלדענעם זוניקן טאָג פון לאַג־בעאוימער.

ווייסע מלאָכים מיט שטילינקע פליגל
צערטלען די גראָזן, באַהויכן דאָס בליעכץ,
און יעדעס ווינטל איז גאָטס אַ שליעך —
דעם וואַלד צו פאַרשלאָפן, דעם וואַלד צו פאַרוויגן.

...מיט פערציק שוואַרצבערדיקע פעטע גאַזלאָנים,
אין געלע טורבאַנען, אין זשופּעצעס גרינע,
טאַסקעט אַ פּעסל מיט גאָלד אַלי־באַבאַ...

דער טאָג ליגט אַן איי — אַ צעגלאַנצטע לעוואָנע.
מיין זיידע קלויבט שטראַלן, און ס'קושט אים די שכינע,
און שענקט אים אַ קיטל אַ ווייסן אַף שאַבעס.

פּולאַווער סאַנעטן

# II - כאַנוקע

ווינטער־נעכט מיט דימענטן באַזעצטע
מיט פּלאַטערדיקע שניי־פּוכן געבעטע
מיט שמאַלץ־גריוון געשפּיקעוועט, געזעטיקט
מיט פּאַפּירענע לאַמטערנדלעך געפּעצטע

ווינטער־נעכט מיט מאַיסעם מיט פאַרבענקטע
מיט לאַטקעס אָפּגעפּרעגלטע אַף שמייכלען
מיט שאָטנס גראָלעך־בלאָלעכע און ווייכע
מיט וואונדערלעכע ביימער אַף די פענצטער

...ברענגט יעהודע־האַמאַקאַבי פלאַמען
און צינדט זיי אָן אין אַלטיטשקן בעסמעדרעש
און ס׳גרינט לעם אָרן־קוידעש — האַר־האַזייסים...

און דער אַלטער פּאַנפּעדיקער שאַמעס
יאָגט זיך מיט א פּאַסיק מיט א לעדערנעם
נאָך די „שקאָצים, אַכברוישים און קונדייסים״.

פולאַווער סאָנעטן

# III - דער מעשוגענער לייבוש

א גאַנצן זומער גייט ער אום א רווישיקער
און טאַנצט א האָפּ-טשיק-טשאַק אינמיטן גאַס
און שפּריצט פונאַנדער טראָפּנס מעשוגאַס
און כּוויזעקט פון פּראָצעסיעס פון קאַטוילישע

א גאַנצן זומער וואוינט ער אין בעסמעדרעש
און לאכט פון די גווירים אומבאַשטראָפט
און צו קאָל-נידרע פאָדערט ער פון ראָוו
ער זאָל מיט אים איצט מאַווער זיין די סעדרע.

אין ווינטער-נעכט באַזילבערט און צעפינקלט
בעטלט ער א רואיקער און שטילער
און טאַינעט אוים זיך שטיל מיט זיך אליין

און טיילמאָל שטייט ער אין א שאַטנדיקן ווינקל
און נעמט זיך אָפּריכטן אַן אויסגעטראַכטע טפילע
און קלויבט צעשאָטענע בריליאַנטן פונעם שניי.

פולאַווער סאָנעטן

# IV - אין פּאַרק

ליגט אַ רו אַ שטילע, צווישן בלעטער,
ליגט אַ ליבשאַפט אַ באַהאַלטענע, אַ טיפע,
הענגט אַ טונקלקייט, וואָס טוקט זיך אין וויאָלעטן,
אַ באַפּערלטע מיט טויען מיט צעטריפטע.

ציטערן אין בלאָקייט איינגעהילטע
שאָטנס טויזנטיעריקע און ווייכע,
און בענקשאַפטן, באַגערן נישט דערפילטע
פרעגן מיך, צי כ'וועל צו זיי דערגרייכן.

שווים איך שטיל אַרום צווישן די צווייגן,
ווי אַ נאַכטפויגל מיט פליגל מיט צעשפרייטע,
און דורכגעזאַפט בין איך מיט נאַכט מיט קילער,

און פאַרלאַנגען, איינגעקלאַמערטע אין שטייגן,
קלימפּערן מיט זילבערדיקע קייטן,
ווי באַהאַלטענע און אומרואיקע גרילן.

## V- פרינץ טשאַרטאָריסקי*)

פרינץ טשאַרטאָריסקי טוט אָן זיך אין שוואַרצן
מיט ווייסע מאַנזשעטן און ווייסן זשאַבאָט,
און לאָזט זיך שפּאַצירן אין פּירשטלעכן קאָטש
איבער דעם וועג, דעם געפּלאַסטערטן, האַרטן.

פּערדישע קאַפּיטעס, זילבער־געקאָוועט
קעגען דעם וועג צו דעם מאַרק מיט יאַרידן —
דאָרטן וואו ס׳טומלען די פּויערן און יידן
דאָרטן וואו ס׳שטייען פּאַר יאַטקעס קאַצאָווים.

פּרינץ טשאַרטאָריסקי צעשמייכלט זיך ליבלעך:
ווידער דער זעלבער קאָסטיושקאָ**) אין מאַרק?
ווידער א בונט און א קריג מיטן צאַר?״

א קוזמירער ווינטל, א שטילס און אַ קילבלעכס
באַלאָדן מיט רייכעס פון בעז און זשאַסמין
שווימט אין דער לופט אפן וועג קיין לובלין...

*) ליבעראַלער פּוילישער אַדלמאַן אין 18טן י. ה. געהאַט זיין פּאַלאַץ אין פולאָוו.
**) פּויליש־אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער אין דער זעלבער עפּאָכע.

פּולאַווער סאַנעטן

# VI - וועַנוס

דער שילד אויף דער הילצערנער לאנגער געביידע
מיט אויסיעס גרויסע און פּאַרביקע: „וועַנוס",
דער סוידעספּול-טונקעלער ווייטער גאַניידן
וואו וועלטן אנטפּלעקן זיך פלינקער און שענער.

„וועַנוס" — געווען איז אַ גוי אַ באַיאַרטער
אַ מעכטיקער הערשער אין מאלכעס פון כאַלעם:
מיט לייבן אין דזשאַנגל, מיט טראָפּישע גאַרטנס
מיט הערדי ליעדטקע און מיט עדדיע פּאַלאַ.

אויף לעקציעס פון גריכישער אלטער געשיכטע
פליעסקעט זיך וועַנוס אין יאַמישע שוימען
מיט אקסלען געטאָקטע פון מארמאָר פון ווייסן...

און ס'פלעכטן באנאכט זיך אין שאָטנס געדיכטע
מאכנעס פון גריכן, קאָהאָרטעס פון רוימער
און וועַנוס מיט וואָנצעס אינמיטן דער ווייסל.

# VII- די ווייסל

ווי א מאכשייפע פלעגט זי פרילינג זיך צעזידן
און אונטערשוועגקען כאַטעס און סטאָדאָלעס
און ס׳האָט באַנאַכט זיך דער סאַמבאַטיען מיר געכאָלעמט
מיט הייסע שטיינער און מיט רויטע יידן.

אין פארנאכטיקע אין גראָזיקע גערוישן
ריכטן זשאַבעס אָפּ אַ זינגעדיקע טפילע
און פאַרע׳ם טאָכטער גייט אראָפּ צום נילוס
און געפינט א וויינענדיקן מוישען.

און אַזוי איז דאָס געדעכעניש פאַרבליבן:
רויטער גינגאָלד שיט און שיט זיך אינדערפרי
פון זעק מיט בלאָקייטן און גרינלעכע וויאָלעטן

און צווישן רעגנבויגנס פאַרבן-זיילן זיבן
מיין „ערשטער ליבעס״ הויך אנטבלויזטע קני
בליען ווי די וואסער-בלומען צווישן בלעטער...

פּולאַווער סאַנעטן

# VIII - דער וואָקזאַל

ס׳איז דער האַלצערנער וואָקזאַל — אַ גאָלדן טויער
צו ווייטער ווייטקייט, אומדערשפּירטער פרייד,
צו ציטערדיקן אומרו, וואָס ליגט פאַרשפּרייט
אַף פעלדער ניט צעאַקערטע און רויע.

ס׳איז דער האַלצערנער וואָקזאַל — אַ טיר אַ ברייטע
צו נישט דערקענטע אָנונגען און צאַפּלען,
צו דעך־פאַרכאַפּנדיקע הויכע שטאַפּלען
פון אַ וואָלקן־גרייכנדיקער לייטער.

רופן מיך פון ווייט לאָקאָמאָטיוון,
און ס׳קלאַפּן רעדער נענטער אַלץ און נענטער.
רויטע לעמפּעלעך זיך יאָגן נאָך וואַגאָנעס.

ברענגט מיר דער פאַרנאַכט אַ ווינטיק בריוול,
און שטייט אינדרויסן, און וויל פון מיר אַן ענטפער —
דעם וועג פאַרשטעלט מיין מאַמעס ליכטיק פּאָנעם...

# אַ ליד אָן אַ נאָמען וועגן אַ קינד אָן אַ נאָמען

אפן וועג שטייט א בוים
שטייט ער איינגעבויגן
ליגט א קינד אין גראָז אין גרינעם
מיט פארגלייזטע אויגן.

דאָס קינד האָט געהייסן... נו, כ׳ווייס נישט — — — —
אָבער, צי איז עס דען וויכטיק?
וויכטיק איז בלויז, אז עס — הייסט נישט
און א געקוילעטעם ליגט עס.
ליגט עס אין גראָז אינעם ווייכן
נישט ווייט פונעם גאָלדענעם קאָרן
און האָט אפן העלדזל א צייכן
פון א שטיוול אַזאַ מיט אַ שפּאָרן,
און האָט נאָך א צייכן א רויטן
אין סאמע מיטן פון שטערן —
פונקט ווי א ציטערדיק שרויטל
פונקט ווי א רויטלעכע פערל.

כאַטש... פערל זענען דאָך ווייסע...
אָבער, צי איז עס דען וויכטיק?
וויכטיק איז — ס׳קינד האָט געהייסן
און איצט א געקוילעטעס ליגט עס — — —

אפן וועג שטייט א בוים
שטייט ער איינגעבויגן
ליגט א קינד אין גראָז אין גרינעם
מיט פארגלייזטע אויגן.

# אַטאַק

## 1

יעדער נערוו — א סטרונע אָנגעצויגן
יעדעם האַרץ -- פאַרגליווערט און פאַרשטאַרט
און געדאַנקען נאַרישע צעפלויגן —
וועגן א י ר, וואָס זיצט, און בענקט, און וואַרט...

יעדע ביקס — א שטילער מאַלכאַמאָוועס
יעדע קויל — אַ טויט צונויפגעדריקט,
און וואַכזאַם אָנגעשפיצט, ווי בא א סאָווע —
שאַרפט זיך אין האַלב-טונקלקייט דיין בליק.

יעדער אָטעם — אומגעדולד און צאַפּל
יעדער הויך — געצוימט און ווייט פאַרשפאַרט —
און ווי א שפּיז איז יעדער אויגנאַפּל
און ווי א מעסער יעדעס אויער שאַרף.

2

גייט ווי א בין, וואָס זשומעט און לויערט
א שטילער באַפעל פון אויער צו אויער.

עפּעס אין הארצן א טיאָכקע, א ציִ,
און ס'גרייט זיך צום שפּרונג די געקאָרטשעטע קני;

און ווידער דערוואַרטונג, און ווידער דאָס זשומען
און ווידער דאָס שלינגען דאָס שפּייעכץ פון גומען;

און העמערלעך, העמערלעך קלאַפּן אין שלייף,
און פּלוצלינג: דאָס איז עס — א שטילינקער פייף — — — —

פונקען פאר ד'אויגן אין אלע קאָלירן,
געשטאָרבן דאָס הארץ, און טויט די געהירן.

פויסטן געביילטע, און עפּשער: „אַל כעט?...״
— כאַווער! פאַרפּעסטעווע גוט דעם באַגנעט!

און פּלוצלינג גייט אויף אין דער לופט דער וויאָלעטער
א קישעפדיק־גרינע, גראציעזע ראַקעטע...

יאָ, ס'איז דער לעצטער, דער לעצטער סיגנאַל — — — —
אַ שאָס. — „כאַוויירים! אור־ראַ־אַ־אַ ! ! !

3

„זאַ ראָדינו! זאַ סטאַלינאַ!"
(ערגעץ וואַקסן מאַלינעס...)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

צו די שטיוול בלאָטע קלעפּט זיך
(עפּשער לעבט זי? עפּשער לעבט זי?)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

גראָע שינעלן פון אלעטשקע זייטן
(ערגעצוואו וואַקסן בלומען אויף בייטן)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

דער ווינט איז א קאַלטער, און דאָך א צעהיצטער
(און וואָס טוט זי איצטער? וואָס טוט זי איצטער?)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

גוט איז, וואָס פּיאַדאָר איז טאַקע דערנעבן
(וועל איך בלייבן לעבן? וועט ער בלייבן לעבן?)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

דאָס איז דאָס דאָרף שוין, צעשמעטערטע כאַטעס
(צי וועל איך אַמאָל זיין אין לעבן — א טאַטע?)
— איך לויף — איך לויף — איך לויף —

צונויף די געדאנקען, דערשטיקט, און דערוואָרגן!
רעציכע, רעציכע, רעציכע אין גאָרגל!
פּאָרוים, פּאָרוים!! פּאָרוי־וי־וים!!!

**4**

...פענעמער צעפלויגענע...
זעץ אָרוים די אויגן אים!
אָנגעכאַפּט — טאָ האַלט אים!
ווי זים זיינע געוואַלטן.
וואָס רינט איבער מיין פּאָנעם?
ס'איז גאָרניט, גאָרניט, גאָרניט — — — —
ס'איז נאָר מיין אייגן בלוט
ס'איז גוט, ס'איז גוט, ס'איז גוט!

זיין בויך איז שוין אַן אָפענער —
געדערים וויים־צעלאָפּענע,
כאַפּ אַן אַ קישקע, שאַרפע!
מיט נעגל זשעדנע, שאַרפע
ווי זים איז זיין געשריי — — —
ווער לויפט איצט דאָ פאַרביי?
פאַרהאַלט אים, ווי מיט לייצעס,
פאַרוק אים אין די פּלייצעס
צעמיימים און צעקייל אים

און טאַנץ אַף דער נעווײַלע
מיט בלאַטיק־שווערע פּיס — — —
ס'איז גוט, ס'איז גוט, ס'איז זיס!

זײַן פּאַנעם?
ר'איז אַ יונגער נאָך — — — —
און וואו ז'מײַן קלײַנטשיק ײַנגעלע?
זאָג! ווער האָט אים דערשטיקט?
אַ זעץ, אַ טרעט, אַ פּליק
אַ טראַסק, אַ שניט, אַ שטאָך
און נאָך —
און נאָך — —
און נאָך — — —

# רעב ייצכאָק אין קאַזאַכסטאַן

און ווען רעב ייצכאָק איז דערגאַנגען צום קאָלכאָז
האָבן שטערן שוין געפּראַוועט דעמלט כצאָס.

אין לעוואָנע-קיטל שאָקלט זיך די נאכט,
קומט רעב ייצכאָקן אַנטקעגן אַ קאַזאַך.

ווײַס באַזילבערטע זײַ שטייען: זקיינים צוויי
קעפּ און בערד פּאַרפּראָשעטע מיט שניי.

איז רעב ייצכאָק ווי אַ ווערבע סוידעספּול
דער קאַזאַך איז אַ פּאַרדאַרטער סאַקסאַאול.

באַ רעב ייצכאָקן דער טרויער: ווערבע-צעפּ
באַם קאַזאַך דער אומעט: ווײַטער סטעפּ.

זאָגט רעב ייצכאָק: „דוירעס שוין איך גיי" —
ענטפערט דער קאַזאַך אים אָפּ: „כ'פאַרשטיי".

זאָגט רעב ייצחק: „כ׳האָב פאַרלוירן אַלץ״
קלעמט זיך באַם קאַזאַך דאָס אַלטע האַרץ.

וויינען שטיל שאַקאַלן אין דער נאַכט
איעווס טרערן פינקלען אפן שליאַך.

שלאָפט אַ מידער דער קאַזאַכישער קאָלכאָז
פראווען שטערן מיט די זקיינים כצאָס.

# די פּערסישע באַלאַדע

האָב איך געוואַנדערט מיטן ווייטן, ווייסן שליאַך
ביז כ׳בין געקומען צו אַ שטעטל: קערמאַנשאַך.

שטייט דאָס שטעטל זיך אין פּערסיען, דער מעדינע
אינמיטן ברוינע בערג — אַ פלעק אַ גרינער.

זיצט אַ זאָקן אַף אַ באַנק פון ווייסן שטיין
ווי מאָרדכע־האַצאַדיק וואָלט געזעסן דאָרט אַליין.

(נאָר ס׳וועט עסטער מער נישט רופן אים פון גאַניק
אַ געשענדעטע האָט מען פאַרברענט זי אין מיידאַנעק.)

קוקט דער אַלטער אַף מיין גרינעם קאַסק, און שטיל
טוט ער מיך אַ פרעג נישט זיכער: „איסראַאיל״?

פאַרלעגן שטיי איך מיט מיין ביקס און די פּאַטראָנען
ווייל ס׳איז מיר שווער זיך אָט דעם נאָמען צו דערמאָנען.

אָבער פלוצלינג ענטפער איך מיט הויכן קאָל:
„דאָ, דאָ! אָ טאָק! קווייט שור! יאָ! יִיסראָל”!!!

— — — — — — — — — — — — —

שיינט אַ פרייד פון אים, אַ גרויסע און אַ שטילע
און ער שענקט מיר אַ מאַטאָנע — אַ פּאָר טפילן,

און ער נעמט מיך אויף מיט קאָוועד, ברויט און זאַלץ
און ער הענגט אָן זיין קאַמייע אָף מיין האַלדז.

פאַלט זיין טיף פאַרזאָרגטע שאַילע: „נו, און האָמען?”
ברומט מיין ביקס אין ביקסן לאָשן: „קאָמף-נעקאָמע!”

איז אים ליב די כאָכמע פונעם קאַלטן שטאָל
און ער לאַכט אַ טיף געלעכטער, אָן אַ קאָל,

און ער מעסט מיך אָפּ מיט אויגן מיט דערפרייטע
מיין אָפּגעברענטקייט, און די פּלייצעס מיינע ברייטע;

זיין פאַרמעט-האַנט רירט אָן מיין ביקס מיט צאַרטן גלעט
און אָף זיין נאָגל פּרוּווט ער מיין באַגנעט,

און אַ צופרידענער, פאַרטרויט ער מיר אין פליסטער
אַז „אויב אַזוי” — איז, אַט-אָט קומט שוין עסטער,

ווייל אויב האַשעם-איסבאָרעך שיקט באַשיצער —
וועט זי דאָך אין געפאַנגענשאַפט נישט זיצן.

האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און צום וועג אַהין
בין איך אַנטלאָפן, און געלאָזט גיין די מאַשין,

און איך האָב מיטגענומען מיט מיר ווי אַ גאַנעוו
עסטערס סאָד אין קרעמאַטאָריע פון מיידאַנעק.

# אין קיבוץ

יאָדלעס נאָדל־שטעכיקע, צעגלאַנצטע,
ווי אַ וואַך אַרום אין גלייכיטשקע קוואַדראַטן,
היטן די באַלאָדענע סאָלדאַטן
די נידעריקע ביימער מיט מאַראַנצן.

עכאָס פון פאַרנאַכטיקע געזאַנגען
האָבן אױף די בערג אַרױפגעקלעטערט
און װײנהענגלעך באַהאַלטענע אין בלעטער
טרױמען צוגעטוליעטע צו שטאַנגען.

ערגעץ־װײט צערױשט האָט זיך אַ טראַקטאָר
ווי אַ האַרץ וואָס האָט באַם אַקערן צעטאַנצט זיך
גרייט פאַר סימכע פאַלן אין כאַלאָשעס — — —

און ס'ענטפערט מיט אַ שטים אַן אָפּגעהאַקטער
ס'געקלימפּערײ פון דער עלעקטראָ־סטאַנציע
אין אַ פאַרשטענדלעך פאַר זײ בײדן לאָשן.

# דער נאַליל אין נעפּל

1

ס׳קומען ווערטער שטילינקע
ווי דער שפּינוועבס־פאָדים בלאָ
ציען זיך פּאַוואָלינקע —
שאָ
נאָך
שאָ — — — —

2

אונטן אינעם טאָל, אונטן אין דער נידער
קריכט אַ נעפּל פויל, אַ נאַסער און אַ מידער;

קריכט אַ נעפּל פייכט, אַפן גראָען וועטער
ביז ער זאַפּט זיך איין אין פּעלזיקע וויאָלעטן;

ער באַנדאַזשירט אַרום. פון באַרג די שוואַרצע וואונדן,
איינגעזאַפּט זיך שטום, און — שטומערהייט פאַרשוואונדן.

עס הויכן אים צריק אוים פאַרלאָשענע וואולקאַנען
און ס׳שוועבן אינדערהויך ווייסע קאַראַוואַנען.

קעמלען זענען ווייס, ווייס איז יעדער רייטער
און בענקענדיק ער שפּרייזט, צו ווייסקייטן צו ווייטע — — — —

**3**

ערגעץ־ווייט, ערגעץ־ווייט
רוישט אַ וועלט
אַ ריזן־מיל,
דאָ האָט שטילקייט זיך פאַרשפּרייט —
ס׳איז שטיל.

שלאָפן בערג, שלאָפט דער טראַקט
וואַסער־שפּיגל
היט דעם שלאָף,
ס׳קלינגען גלעקלעך בלויז צום טאַקט
פונעם שאָף.

און באַנאַכט, האַלבער נאַכט
נישט איך שלאָף
און נישט איך רו,
דו זעצסט זיך לעבן מיר פאַרטראַכט.
וואָס ווילסטו?

# אַ שטערן אין הוי

שווימען, שווימען
אינעם הימל
וואָלקנדלעך ווי שעפעלעך,
וואָלקנדלעך ווי לעמעלעך,
וואָלקנדלעך צעשוואומענע,
צערונענע,
צעבלאָזענע אַף ווייטע בלאָע וועגן.
און די וואָלקנדלעך — זיי פּאַשען זיך
מיט גראָז, מיט הימל-גראָז,
מיט בלאָען דורכזיכטיקן גראָז.

אונטן — אינעם טאָל,
אונטן — איז דער „חולה"*),
בראָדיען טרויעריקע קי
אין גראָז אין ערדישן,

*) איימעק האַכולע (עמק החולה) — דער טאָל איז אויבערשטן גאַליל.

אין פייכטן גראָז אין גרינעם,
מיט קאָמיש־קורצע פּים ביז די קני.
און ערשט איז אַזוי:
אַ קו איז לעאָוילעם ווייס,
נאָר האָבן האָט זי ברוין־רויטלעכע לאַטעס,
און נאָך האָט זי אַ נאַסע מאָרדע,
און נאָך האָט זי אַ פּאָר שיינע
— אַף אַן עמעס שיינע —
אויגן.
און קועשע אויגן זענען:
פאַרבענקט און פאַרכאָלעמט
און טרויעריק־פאַרטראַכט,
און סע ליגט אין זיי אַ טיפער באַדויער
פאַר... כ׳ווייס־אַליין־נישט־פאַר־וואָס...
אָבער ער ליגט דער באַדויער,
ער ליגט — — —
און ס׳האָט נאָך די קו אַן אייטער,
אַ ראָזעווען אייטער,
פון וועלכן סע קאַפּעט די ווייסע, ווייסע מילך
אַף גרינעם, גרינעם גראָז.

און ס׳כאָלעמט אַ קו
סע טרוימט אַ קו:
וועט קומען דער אָוונט
אַ שטילער אַזאַ און וויאָלעטער — — —
די טיר פון שטאַל
איז אָפן צעפּראַלט,

פון הימל אַ שטערן פֿאַלט און פֿאַלט,
ביז ער פֿאַרקייקלט זיך
גלייך אינעם שטאַל.
און פּלוצלינג קומען
מענטשלעכע פֿינגער,
גוטע פֿינגער,
געבענטשטע פֿינגער,
וואָס גלעטן דעם אייטער,
וואָס צערטלען דעם אייטער,
וואָס דריקן דעם אייטער
און די גאַנצע, די גאַנצענע מילך —
רינט אין שטרעמעלעך,
ריזלט אין ריטשקעלעך,
דזשזש-טשיק-טשיק, דזשזש-טשיק-טשיק
גלייך אינעם הילצערנעם שקאַפֿעק.
איי, ווי גוט,
איי, אַ מעכייע,
ס׳איז לייכטער, גרינגער, ס׳איז לייכט שוין,
ס׳איז גוט.
אַהאַ, און דער שטערן?
יאָ!
ר׳איז דאָ.
ער האָט זיך דערקייקלט
און ליגט אינעם היי.
מע דאַרף אים בלויז נעמען,
אַ שמעק טאָן,
אַ לעק טאָן,
מיט שאַרפֿטקער,
מיט רויטלעכער צונג.

# דער שיקערער סאָנעט

איינגעוויקלט איז די נאַכט אין בלאָע פּליושן
שטיל איבערגעדרייט איך האָב דעם שליסל אין דער טיר,
היינט וועל איך דיך סטאַם אַזוי נישט קושן
היינט וועל איך דיך איינזאַפּן אין מיר.

דיין ברוסט — זי ציטערט ווען איך נעם זי גלעטן
דיין שוים איז רירעוודיק, און אומרואיק די פּיס.
פּלוצלינג מאַכסטו ליכט. מיט אויגן ווי שטילעטן
דו שטעכסט מיך דורך־און־דורך. ס'איז טייוועדיק און זיס.

איך עטעם מיט דיין אָטעם, און דו ביסט איך אינגאַנצן
עס נעמט מיך אויף דיין ווייכקייט, וואָס איז ווי מאַמע־ערד
אין קאָפּ דרייט זיך אַ גרויסער שיקערדיקער ראָד — — —

געבוירן ווערט אין פּלאַמען דער ווילן צום פּאַרפּלאַנצן
און וואַקסנדיק, פּאַרפּילפּאַכיקייט, צעווילדעוועט, פּאַרמערט
באַטרעטן מיר די שוועלן פון אַלטן, אַלטן סאַד...

# אַקוואַרעל

אַ בריוו הייסט — געדעדט פונדערווייטנס
אַ בריוו הייסט — פֿאַרשריבן פּאַפּיר,
וואָס אָבער ס׳קען גוט זיין פֿאַר לייטן
צי קען עס דען גוט זיין פֿאַר מיר?

אַז איך וויל דיר קיין ווערטער נישט שיקן
נאָר אַ צאַרטן, סובטעלן מאָטיוו
פֿון די לעצטע, געזעגענונגס בליקן —
אַ קאָלירטן, פּילפּאַרביקן בריוו.

ווען איך נעמען פֿון שטילע פֿאַרנאַכטן
דעם צעשוואומענעם ווייכן וויאָלעט —
ווערט עס זיין ווי מיין בענקענדיק טראַכטן
פֿון דיין קוים אַ דערפֿילבאַרן גלעט.

עס איז שיקערדיק־רויט צו דערמאָנען
פֿון דיין קוש די צעגליטע פּורפּור,

און סע שוועבט אינעם שיין פון לעוואָנע
אַף מיין האַלדז אַ בלאָ־ברוינלעכער שפּור.

און באַנאַכט, אַף די שפּיצן פון ביימער
באַהעפטן זיך זילבער מיט גרין —
כ'וועל דעריבער דיין פּליסטער באַזוימען
מיטן איידלסטן סאָרט סעלעדין.

און ווי שטענדיק: איך רויכער באַם שרייבן
און סע הילט זיך אין בלאָקייט מיין בריוו
און איך וויים, אַז נאָר דו קענסט באַגרייפן
דעם בלאָלעכן סאָד פון „לאַטיף"*).

*) לאַטיף (לטיף) — אַ מאַרקע פון סיגאַרעטן אין ערעציסראַעל. ללטף — מיינט אין העברעיש גלעטן.

# פוילן

אַמאָל...
אַז דער טאָג האָט פאַרענדיקט זיך באָדן
און די ווייסל האָט קילער געלעקט שוין דאָס זאַמד;
פלעגט אַרוים פונעם פאַרק אַ ווייך־זיידענער שאָטן
און שטילקייט צעהענגען מיט בלאָלעכער האַנט.

האַלב־וואַך ליגט די ערד אין פאַרנאַכטיקן דרימל
און זאַפט איין אַ וויטן, וואָקזאַלענעם פייף,
און ראָזעווע קעלבער אַף לאָנקע פון הימל
באַלעקן די סרייפע פון זוניקן רייף.

עס צאַפּלען די האָזן, פאַרטייעט אין גראָזן
אַף שפּיצן פון וואָנצעס ליגט שרעק פאַר אַ שאָרך,
דין־זילבערנער שפּינוועבס — צעשוועבט און צעבלאָזן
בלייבט הענגען אַף דעמבעס באַדעקטע מיט מאָך.

מיט קעצישע טריט — ווי אַף לאַפּעס פון סאַמעט
פאַרגאַנוועט זיך אָוונט פון יענעם ברעג טייך,

און מישנדיק ס׳גראָע און בלאָע צוזאַמען
צעשיינט ער זיך פּלוצלינג לעוואָנעדיק־בלייך — — —

* *
*

היינט...
שעכט דער לעוואָנעס געבויגענער כאַלעף
אומשולדיקע וואָלקנס אין בלייערנעם ליכט,
און ס׳גלאָצט פון געשענדעטן הימלישן טאַלעס
מיט אויגן פאַרגלייזטע — מיין מאַמעס געזיכט.

# יאָרצייט־באַלאַדע

אפן פולאַווער וועג אפן ברייטן
שאַקלען מיט בערד די קאַשטאַנעס
און בעריאָזעס אין ווייסע טאַלייסים
דוכענען שטיל ווי קאָהאַנים.

באם שיידוועג אן אלטע מאכשייפע
א וועַרבע צעדרייט און געהויקערט
האלט אונטער מיט פינגער מיט שטייפע
א סאָווע מיט בליציקע אויגן.

און קעגנאיבער: א ציילעם —
מיט גרינלעכע, מאָכיקע אָרעמס
וואָס בענטשן שיקורים, ארייליִם
וואָס בענטשן בלויז גויאישע קוואָרים.

קומט אַן עליאָהו־האנאָווי
אין אַ שטערנדיק בלאָלעכן קיטל

און ס׳בוקן זיך ביימער מיט קאָוועד
און ס׳בלאָזט זיך דער ציילעם מיט ביטל.

פרעגט עליאָהו־האַנאָווי
א וועג צו רעב־אַרן, מיין זיידן.
קייכט פאַר געלעכטער די סאָווע
און פאַטשט מיט די פליגל מיט ביידע:

„רעב אַרן? גיי פרעגן די ראָבן
די קראָען, די הינט, און די שלאַנגען
זיי וויסן וואו ער איז באַגראָבן
איך האָב נישט געזען שוין לאַנג אים״.

צעשפרייט עליאָהו די פליגל
און ס׳פלאַטערט זיין באָרד אין די הייכן
זיין קיטל — א בלאָלעכער זעגל
אין מילכיקן וועג אינעם בלייכן,

און ער יאָגט זיך נאָך פויגלשע סטאַדעס
נאָך קראָען, און שפּאַרבערס, און ראָבן
זיי וויסן, זיי וויסן אַוואַדע
וואו ס׳איז רעב־אַרן באַגראָבן.

נאָר ס׳קראַקען די קראָען און שפּעטן
פון אַלטיטשקן רעב־עליאָהו
און ווינטן אין ווילדע געוועטן
רייטן אַף וואָלקנס אַף גראָע;

און ס'פּליען די וואָלקנס מיט סאַזשע
פון פליש און פון ביינער פאַרברענטע
מיט שטויביק־צעפלויגענע אַש
פון קיינעם שוין איצט נישט דערקענטע — — —

פאַרשלונגען, פאַרשוואַרצט און צערונען
ווערט עליאָהו־האַנאָווי...

— — — — — — — — — — — — —

איך וועל אים שוין איצט נישט געפינען
נישט אים, און נישט מיין קיוווער־אָוועס.

# גרינע יאַנטוויזים

1

צום יאַנטעוו, צום קאַטוילישן
פון „מאַטקאַ באָסקאַ זשעלנאַ"
קומט אָן מיט וועגן פוילישע
דורך פעלדער, און דורך וועלדער

גאָטס-מוטער די באַרמהאַרציקע
אין קליידער פויעריש-גרינע
מיט יאַגדעס זיסע, שוואַרצינקע,
מיט ווייַנפּערלעך, מאַלינעס,

מיט עפּל מיט פאַרוויטלטע
אױף בעקעלעך אױף גלאַטע,
מיט הימלען בלאָע, לויטערע,
מיט וואַלקנדלעך פון וואַטע.

זי בענטשט דאָס פעלד דאָס קאָרענע
באַם וועג פון ביידע זייטן,
דעם טאָג דעם ניי־געבאָרענעם
די פארביק־בונטע קווייטן,

זי ווארפט פונאַנדער גנעדיקע
בראָכעס צו די טירן
און ס'שיינט א זון אַ פריידיקע
איבער איר פויעריש פורל.

2

געוואַרט האָט אַף איר אינעם שטעטל:
א כופּע אַף שטאַנגען,
אַלטאָרן און הייסע געבעטן,
א כאָר מיט געזאַנגען,

גאַלאָכים אין שווארצע סוטאַנעס
מיט גאָלדענע קרייצן,
פרומע, צעדאַוונטע נאָנעס
מיט קאָפּטיכלעך ווייסע,

בסאָמימדיק־בלאָלעכע רויכן
צעשוואומענע דופטיק
וואָס הייבן זיך, שוועבן און טויכן
ברייט אינדערלופטן,

א טעפּיך אַף שטיגן פון מירמל
באַוואָרפן מיט בלומען
פלאַקסענע קעפּ אין געמירמל
פון טפּילעדיק ברומען.

3

צום אַלטן יידישן יאָנטעוו,
צום גרינעם יאָנטעוו שעוואועס
מיט וועגן פארדרייט און פארפּלאָנטערט,
דערוויטערט פון זאַנגען און טוואועס,

פאַרבאָרגן, ווי ס׳פלעגן צו קומען
די יידישע אַלע יאָנטויוויים
אין שווארצן געהילט, און אָן בלומען
דערנענטערט זיך: סאָרע־באָס־טויווים.

א ווינטל צעשמייעט, צעבלאָזן
געבראכט האָט איר האַרציקע גריסן —
פון שטילינקע, טייכיקע גראָזן
וואָס פלעגן זיין יידישע גרינסן;

פון גראָזן, וואָס קלאָגן און וויינען
און בענקען נאָך אַלץ, כאָטש זיי וויסן,
אז ס׳וועט זיי שוין איצט מער נישט קיינער
צום יאָנטעוו, צום גרינעם נישט רייסן;

אַז מער וועלן קינדישע הענט שוין
די פענצטער מיט זיי נישט באַצירן
אַז ס'וועט זיי שוין קיינער נישט בענטשן
אין אָפענע יידישע טירן.

צעהענגען זיך טרערן ווי טרויבן
אין שאָטן פון שטיינערנעם ייעש
אין שאָטן פון סאָרע־באַס־טויווים
וואָס קומט צו דעם יאַנטעוו שעוואועס.

4

געוואַרט האָט אויף איר אינעם שטעטל:
אַ שיל אַ פאַרברענטע,
מאַכזוירים פון ווינטן געבלעטערט
פון רעגנס פאַרשווענקטע;

שפּריצן פון קינדערשע מויכעס
אויף דעמבענע שטאַמען,
שטיקער פון אַלטן פּאָרויכעס
פון רויטלעכן סאַמעט;

אַלטע פאַרבלוטיקטע טכינעס
מיט פלעקן פון טרערן,
וואָס וועלן שוין מער נישט געפינען
דעם וועג צו די שטערן;

צעוואָרפּענע טרוקענע ביינער
וואָס וואַרטן אַף קאַדיש,
א שטומע לעוואָנע, וואָס קיינער
איז זי נישט מעכאַדעש;

טפילעס וואָס הענגען פאַרצווייפלט
פאַרשטומטע, אומזיסטע,
וואָס וואַלגערן זיך אַף די הייפן
אַף רוּיכיקע מיסטן.

5

און ווען ס'איז געקומען דער זילבערנער, זיידענער אָוונט
האָט סאָרע־באַס־טויווים די הייליקע מאַריוו געטראָפן.

און ווען ס'האָט צעטרילט זיך א נאַכטיק צעזונגענער פויגל
געטראָפן זיך האָבן די שפּיזן פון זייערע אויגן.

און ווען ס'האָט דער מילך־וועג געשיינט אונטער זילבערנע בריקן
פאַרמאָסטן זיך האָבן די מעסערס פון זייערע בליקן.

און ווען ס'האָבן שאָטנס אין צווייגן גענומען זיך פלעכטן
געראַנגלט זיך האָבן די בליקן אין שטומע געפעכטן.

דער שלאָף גייט א זומערדיק־שטילער אַף פויערישע וועגן
און קיינע פון זיי קאָן די צווייטע נאָך נישט איבערוועגן.

פאַרבידעשטעביימער די קרוינען צעהוידעטע וויגן
און קיינע פון זיי קאָן די צווייטע נאָך אַלץ נישט באַזיגן.

שטילע כאַלוימעס זיך הויבן פון אַזיערעס גרינע
און קיינע פון זיי קאָן נאָך דאָס געפעכט נישט געווינען.

ביז ווינט האָט געברענגט דאָס געוויין פון די טייכיקע גראָזן
און מאַריאַ פאַרציטערט דעם קאָפּ האָט אַרונטערגעלאָזן.

# לאָנדאָנער אַריטמעטיק

ווייך זענען לאָנדאָנער צאָלן ווי פּליושן
לאָנדאָנער ציפערן גלאַנצן ווי זייד...

— — — — — — — — — — — — —

אַז „איינס" — עלעגאַנט, מיט אַ פּיסקל צום קושן
אַ „צוויי" — אַ געשעפּטל, כּאַבאַר פון דער זייט
אַ „דריי" — און דערזעסט אַ געמיטלעכן גווידער
אַ „פיר" — און אַ „בוקי"*) צאָלט אוים אַ געוועט
אַ „פינף" און אַ „זעקס" — און בריליאַנטן זיך הוידן
אַף פּרוויאַישער ברוסט אין געשאָרך פון זשאָרזשעט,
דער „זיבן" אין פראַק לאַדט אייך איין צו אַ טאַנגאָ
אין רינגען פון „אַכט" לאַכט אַ נעגרישער „דזשאַז"
פאַרשייט ווינקט דער „ניין" אין אַ לאַק אין אַ לאַנגן
אַף טענצערנס שטערן ווי העלפאַנטביין בלאַס;

און אַרום, און אַרום, אין די טיפע פאַטעלן
מיט באַפינגערלטע הענט אַפן רונדיקן בויך

---

*) קירצונג פון „בוקמייקער" — אַ מענטש וואָס נעמט אַז אומלעגאַל געוועטן אַף פערד־ צי אַנדערע געיעגן.

צעזעצט האָבן ברייט זיך — קאַלאָנעס פון „גולן"
אין קנוילן פון זאַנפטן, האַוואַנישן רויך.

**
*

און אַז ווינט ברענגט דעם רויך פון די כורוועס אין פוילן
און אוישוויצער אַש הענגט אין לאָנדאָנער דאַמף —
נעמען זיי ציילן ס'געפּייף פון די קוילן
און ס'בלוט פונעם וואַרשעווער געטאָ אין קאַמף,

נאָר סע ווערט זיי פאַרמיעסט, ווייל זיי ווייסן, זיי ווייסן — — — —
וויפל מאָל איז דער שיר דען? געהערט שוין, געהערט...
ס'ווערט נימעס צו ציילן מיליאָנען פון מייסים
און ציילן דאָס אַש — איז ביכלאַל אומדערהערט.

איז, אויב ס'מאַכט זיך אַ „סאָאושל"*), און אויב ס'איז געראָטן,
נו, איז ציילט מען צען פונט פאַר „יונייטעד אַפּיל"**),
און באַנאַכט ווערגט דער צענער דעם „סער"***) מיט כּראָטע
ווייל טאָמער ט'ער טאַקע געגעבן צופיל.

---

*) געזעלשאַפטלעכער צונויפקום.
**) פאַראייניקטער קאַמפּיין.
***) הער.

# אַן אָוונט אין קינגסטאָן

בײנעוודיק־שוואַרצע קיטטי!
זים אירלענדיש מײדל
מיט מילדע ברוינע אויגן
מיט אויגן פון ברוינעם סאַמעט
נעם מיך אַרום
און קוש מיך
שטיל אַזוי און געלאַסן
און רעד נישט אויס קײן וואָרט
און לאָז מיך נישט הערן
קײן אײנציקן
שטילסטן
קלאַנג.

ווײך זענען דײנע האָר —
ווײך, און מאָדנע דופטיק
און ווען דו בײגסט אָן דעם קאָפּ,
זיפּט זיך דאָס גרינלעכע זילבער

צעשאָטן אין שטילער נאכט —
דורך קרויזן, קרייזעלעך, לאָקן
און קאָפּעט מיט זילבערנע טראָפּנס
גלייך אפן שטיינערנעם דיל
גלייך אפן מארמאָרנעם טרויער
פון מיין פארגליווערט געמיט — — — —

פול זענען דיינע ליפּן —
פול און הארט און פייכטלעך,
שטיל זענען דיינע הענט
זיי שפּילן ווי אף א הארפע —
אף סטרונעס פון מיין באגער,
אָבער — — —
נעם, הער זיך צו
צו אַנדערע, ווייטע מוזיק
וואָס שפּילט נאָך טיפער
פאַרבאָרגן
אין ברוסט פונעם פרעמדן סאָלדאט
אין מיין ברייטער
זעלנערשער
ברוסט.

דו פילסט:
עס ליגט מיין קאָפּ
מיין מידער, פארוואָגלטער קאָפּ
אף דיין מיידלש-פארקיילעכטן אקסל — — — —
דו פילסט:

עס זוכן די ליפּן
די זעלנערשע דורשטיקע ליפּן
דאָס ווינקעלע הינטערן אויער,
אָבער — — —
אויב דו ווילסט מיך באַנעמען —
דערפיל!
דערהער!
דערזע!
ווי נעבן אונדז
נישט ווייט —
סאַכאַקל צוויי-דריי טריט
שטייט ז י  א שטילע
און וואַרט
און קוקט זיך אוים די אויגן
כ'זאָל איינמאָל...
דו הערסט?
כאָטש איינמאָל
זיך בלויז אָן איר דערמאָנען.
און איך?
ניין, איך קען נישט
און איך?
ניין, איך וויל נישט,
איך וויל נישט אַריבער די גרענעץ
די שטעכיק-באַצוימטע גרענעץ
פון ווייסן, ווייסן טעהאָם.

טאָ נעם מיך אַרום, קיטטי!
מיט שטילע, שטילע הענט
וואָס שפּילן ווי אויף אַ האַרפּע
אויף סטרונעס זילבערנע, העלע
אויף סטרונעס ווי ליכטיקע פעדים
אויף סטרונעס פון מיין באַגער.

# אין לאַנד פון קנאַען

# שימשען

## (סקיצן צו אַ פּאָעמע)

1

...איך ווייס נישט, צי דו ציטערסט פאַר פּאַכעד, צי פאַר לוסט.
ביסט שטיל, און כ'הער איצט בלויז מיין שטים, מיין אייגענע.
נו זיץ נישט. אַט דאָ אַ לעבן מיר, דאָ זאָלסטו לייגן זיך,
און מיינע פינגער פירן איבער דיין שעמעוודיקער ברוסט.

אַט דאָס איז עס דאָס וואָרצעלע, וואָס כ'האָב געזוכט
אינמיטן האַרטער ברוסט — אַ קליינטשיק קיילעכל.
סע שמעקט פון דיר מיט מאַנדלען, און מיט פיילעכלעך,
און שיקער מאכסטו מיך מיט אַט דעם פרוויאישן גערוך.

אָ, ווי אומרואיק און רירעוודיק סע שווימט דיין שוים
ווי גיריק גלעטסטו מיינע לענדן ביידע,
דיין מויל איז פול, און האַרט, און זיס ווי אַ פרישער טייטל,

אבער — — —
נישט קוש מיך איצט.
איך וויל דערציילן דיר.
וואַרט אוים!

2

ס'איז אונדזער גאָט אַ שטרענגער און אַ בייזער
און כ'בין צו אים געהייליקט נאָך אין מאַמעס בויך,
צו אים געהערט מיין גוף, מיין האַרץ, מיין מינדסטער הויך
ער איז מיין פאָטער, האַר, און איינציקער דערלייזער;

און אייפערזיכטיק איז דער אַלטיטשקער אין הימל
איבער איעדן טראָט און מינדעסטן געדאַנק,
און איך — כ'האָב ליב דעם טאַם פון וויין און פון געזאַנג
און ווייכער פּרויען־שוים זאָל וויגן מיך צום דרימל.

כ'האָב אָבער ליב אויך די געצעלטן פון מיין שייוועט
וואָס הילן זיך אין נעפּלען איין צום שלאָף,
וואָס כיינדלען זיך צום מאָרגנרויט, ווי שטילע שאָף
און רויטלען זיך פאַרשעמט ווי יונגע ווייבער.

און געשפּרודלט האָט אַ קראַפט איבער די ברעגן
אין מיין קערפּער טאָמיד, ווי אַ קוואַל פון באַרג.
די פויסטן מיינע — האַמערן, ווי אייזן האַרט און שטאַרק
און ס'בליאַסקען מיינע ציין דער זון אנטקעגן.

און איך האָב ליב געהאַט דעם גלאַנץ פון בלאַנקע שפּיזן
כ׳האָב ליב געהאַט דאָס הירזשען פון מיין פערד
כ׳האָב ליב געהאַט מיין גוטע אַלטע שווערד
ווען פון איר שאַרף דעם סוינעס בלוט פלעגט ריזלען.

בא דיינע ברידער כ׳בין געווען אין אויג א דאָרן
געברענט, געבראָטן יעדן זייער טראָט,
און לאַכנדיק כ׳פלעג שיקן צו מיין גאָט
מיין קאָרבן-רויך פון אייער ברענענדיקן קאָרן.

און ס׳פלעגן הילכען בערג פון מיין געלעכטער
און ס׳פלעגט דער מידבער זינגען מיר א לויב
און הייסע נאכט פלעגט איינהילן מיין רויב —
די שענסטע פון די שענסטע פלישטים-טעכטער — — —

3

ביז ס׳איז געקומען יענע שיקערדיקע נאכט
א נאכט א הייסע ווי דער מידבערדיקער אָטעם,
האָט בלוט מיט וויין אין מיינע אָדערן געזאָטן
און  ז י — זי האָט נאָר סוידעספול געלאכט — — —

זי האָט נאָר איינמאָל זיך ארומגעקוקט דערשראָקן
ווען ס׳האָט איר צוגעדריקט מיין שווערע לאסט,
נאָר באלד האָט זי מיין קארק ארומגעפאסט
און בלויז געקוקט, געקוקט אַף מיינע לאָקן.

און ווען דער שיקרעס-טאנץ פון טייווע איז פארביי
האָט ווייכע מידקייט ווי א פאַרהאנג זיך פארצויגן,
מיט אירע ליפּן ז'האָט מיר צוגעמאכט די אויגן
און אַף מיין פּאָנעם אירע האָר האָט זי צעשפרייט.

.4

אין שלאָף האָט מיך מיין אַלטער גאָט געמאטערט
און לאנגווייליק דערמאָנט מיר זיין געבאָט.
האָב איך זיך לאכנדיק געבעטן בא אים: „גאָט!
גיי און שמועס דערוועגן מיט מיין אלטן טאַטן!

צו וואָס האָסטו מיך אלטיטשקער באַשערט?
איך זאָל מיין יוגנט צו דיר אָפּזיפצן און וויינען?
נו, לאָז צורו, ז'איז מיין — די וועלט די שיינע
און דינען דיר איך קען בלויז מיט מיין שווערד.

די טפילעס לאָז פאר די גראָבבייכיקע קאָהאַנים
און איך וועל ליב האָבן מיין פאָלק ווי ביז אהער,
דיין נאָמען וועל איך לויבן איבער גאָר דער ערד —
דורך ווייטער אָנפאלן אַף פלישטימס קאראַוואַנען".

און דאָ האָט ער דער אַלטער זיך צעשמייכלט
און א קיי געטאָן דעם שפּיץ פון גראָער באָרד:
— איי, שימשן! — זאָגט ער — דו ביסט דאָך נישט קיין יינגל פּאָרט
און ווען וועט זיך דיר זעצן שוין דער סייכל?

און פלוצלינג העגג איך צווישן הימל־ערד
און שלאנגען האָבן מיך ארומגעקלאמערט,
פון ווייטן ווייט צעכליפּעט זיך מיין מאמע
פון ווייטן ווייט צעהירזשעט זיך מיין פערד.

5

און ווען כ׳האָבן אויפגעמאַכט די אויגן, האָט אַ פּאַקל
געציטערט אין אַן אָדערדיקער האנט,
און הענט און פיס געפּענטעט שוין ביינאנד
און בלאנקע שווערד געווענדעט אין מיין נאקן,

און פּענעמער צעקרימט פון ווילדן האס
אזוי פיל הענט צו מיר זיך אויסגעצויגן,
און אין די פינקלענדיקע, מערדערישע אויגן
ליגט אלץ א פאכעד נאָך פאר שימשנם קאַאַס.

און זי ז׳געזעסן שטיל בא מיינע פיס
אומשולדיק־שטאָלץ די ברעמען אויסגעבויגן.
און אזוי איז זי פארבליבן מיר אין ד׳אויגן
ביזוואנען ס׳האָט זיי אָפּגעמעקט דער שפּיז — — — —

6

צי ווייסטו וואָס מען פילט ווען שאַרפער אייזן
צעשפּריצט דאָס פענצטער צו דער זון — דיין אויג?
— — — — — — — — — — — — —

...ס׳צימבלען טאַצן, און ס׳צערוישט זיך ווילד דער פּויק
ס׳איז יעדער זעץ אַן אָפּגעהאַקטער, בייזער,

און וואו נאָר ס׳גרייכט דיין בליק אַף ברייטן פעלד
טויזנטקעפּיקער האַמוין שיקט דיר זיין סינע,
און ווייסט: ווּעסט שוין קיין ראַכמים נישט געפינען
אין גאָרער, זונפאַרפּלייצטער וועלט — — —

7

כ׳בין געשטאַנען אליין
ווי אין מידבער אַ פעלז
איבער בארג, איבער טאָל
כ׳הער מיין מאַמעס געוויין
און דאָס ליד פון מיין פאָלק
וועגן שימשען — זיין העלד.

טייבעלעך ווייסע
טייבעלעך צוויי
דרייען זיך
פאָכען
מאַכן אַ ראָד
ציטערן
פלאַטערן
פאַלן אַראָפּ
ווי צוויי שטיקלעך שניי

אף
מיין
קאָפּ — — —

פּאמעלעך ער גייט
געמאָסטענע טריט
די אויגן צעברענט
אין בלוט־רויטן קלייד
דער שפּיז אין די הענט
העליש צעגליט.
טייבעלעך ווייסע
טייבעלעך צוויי
פאַרקען זיך
וואַרקען
זוכן א וועג
צעשפּרייטן די פליגל
אָן מינ־דעם־טן פלעק
אַ הויב זיך
אַ דריי
און — — —
אוועק!

האָט דער פּלייט זיך צעוויינט
און געיאָמערט דער טאָץ
האָט דער הימל געפּלאַצט
זיך געעפנט די ערד.
כ'האָב פאַרביסן די ציין

און ס׳האָט קיינער געהערט
שימשענס מינדעסטן קרעכץ
שימשענס מינדעסטן ווײ
ווען דער שפּיז האָט צעזעצט
אויגן ליכטיקע צוויי.

טייבעלעך ווײסע!
וואָלקנדלעך בלאָע!
זון־שטראַלן הייסע
אין מידבער אין גראָען!
וואו
זייט
איר?!!!

8

איך ווײס נישט צי דו ציטערסט פאַר פּאַכעד צי פאַר לוסט.
אַרומגענומען האָסטו מיך מיט פיס מיט ביידע.
דו שמעקסט מיט מאַנדלען, און זיס ביסטו ווי טייטל,
און ס׳שטעכט דאָס קליינע וואָרצעלע אין מיידלש־האַרטער
ברוסט — — —

# מאָרדכע האַצאַדיקס טפילע

איך דאַנק דיר, גרויסער גאָט פון מײַנע אָוועס,
וואָס דו האָסט אָפּגעווענדעט פון מײַן פאָלק די שווערד,
וואָס דו האָסט אָנגעכאַפּט באַם האַנט דעם מאַלכאַמאָוועס
און האָסט זײַן שפּיז אָף ראָצכים אומגעקערט.

איך דאַנק דיר גאָט, וואָס כ׳בין נישט ווערט דערמאָנען
דײַן גרויסן נאָמען מיט מײַן זינדיק מויל,
איך דאַנק דיר פאַרן אומברענגען די סאָנים
פון אונדזער גרויס און הייליק פאָלק ייסראָעל.

איך דאַנק דיר, וואָס איך שטיי דאָ איצט געזעטיקט
מיט ראָצכיש בלוט, פאַרגאָסן פון דײַן האַנט.
איך דאַנק דיר גאָט, דערפאַר וואָס האָסט צעשמעטערט
זיי, און אויסגעשטעלט צו שפּאָט און שאַנד.

און גרויס ביסטו, און כ׳בויג פאַר דיר די קניען
און ס׳לײַכט דײַן הייליקייט אין פולער פּראַכט,

און כ׳שיק צו דיר פון אונטער האַמענס טליע
מיין האַכנאָעדיקע טפילע אין דער נאַכט.

און איצט, אז כ׳האָב אין שליכעס פון יעהודע
געברענגט דיר אונדזער לויב און אונדזער דאנק
בעט איך אויך זאָלסט אויסהערן א מידן
און אַן אויסגעשעפטן אַלטן מאַן.

בעט איך אויך, זאָלסט אויסהערן מיין טאַינע
וואָס א צעבראָכענער ברענג איך צו דיר אצינד
און נישט פאר מיר, און נישט פאר אוילעם מיינע
און נישט קיין ראַכמים בעט איך — נאָר דיין דין.

און כ׳בעט דיך זאָלסט אַנטפּלעקן מיר דיין ענטפער
און כ׳בעט דיך זאָלסט מיר אויפדעקן דיין סאָד,
און שיק אראָפּ דיין ליכט צו מיר וואָס נענטער
און פעסטער מאַך אין פינצטערניש מיין טראָט.

און ענטפער מיר: פארוואָס איז אונדזער לעבן
אַן מעשונעדיקע איינפאלן געווענדט?
פארוואָס האָסטו דיין פאָלק אריינגעגעבן
אין א שיקערס טרייסלענדיקע הענט?

פאַרוואָס מוזן די הייליקע יאָנטויווים
דערמאָנען אונדז אָן אונדזער גרויסער שאַנד?
פאַרוואָס קענען מיר קיינמאָל דיך נישט לויבן
נישט זייענדיק אין פרעמדן יאָך געשפאנט??

פאַרוואָס האָסטו דיין פֿאָלק אַזוי באַשאַפֿן —
אָן אַלטער גויעף זאָל ערשט זיין גאָר אונדזער שוץ?
פאַרוואָס גיסטו אונדז נישט אַליין דעם וואָפֿן
נאָר לייזסט אונדז אויס דורך גויאימס זנוס און שמוץ?

און ענטפער מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ יאָנטעוו
אַז כ׳שטיי פאַר דיר צעבראָכן און פאַרשטאַרט?
און כ׳קלאָג אויף אונדזער בראָך, אָפּן דערקאָנטן
און בלוטיק טריפט מיין אַלט פאַרגליווערט האַרץ?

און אויב עס קען זיך גאָרניט אויסבאַהאַלטן
פאַר דיין אַלזעעוודיקן וואַכן בליק,
פאַרוואָס האָסטו באַוואָלט מיך דעם אַלטן ?
פאַרוואָס האָסטו צעשטערט מיין פרייד און גליק?

צי קענסטו טאַקע אַנדערש אונדז נישט רעטן,
צי קענסטו אַנדערש נישט באַווייזן דיין גענאָד,
ווי נאָר דורך פרעמדע קעניגלעכע בעטן,
ווי נאָר דורך מאַכן אונדז צו שאַנד און שפּאָט?

און אויב עס איז דיין אייביג געדעכט און אָפֿן
און אויב דו ווילסט באַשטראָפֿן מיך פאַר זינד —
פאַרוואָס האָסטו געוואָלט גאָר זי באַשטראָפֿן?
מיט וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט זי — אַ קינד?

ווי אַ געשמיסענער מיט פייערדיקע ריטער
האָט דאָך איר יונגער מיידל־גוף געצוקט,

האָט דאָך איר לייב, נאָך אזא קינדישער, געציטערט
ווען ס'ערשטע מאָל צו אים ז'האָט זיך געבוקט.

און ס'האָט אין מיר צונויפגעדריקט דאָס הארץ זיך
ווען כ'האָב באַגעגנט איר צעשראָקן אויג און בליק,
ווען ס'האָט זיין טרייפע־כאַזערישער פּאַרצעף
מיט איר אומשולדיקייט זיך טייוועדיק געקוויקט.

און פאַר ווייטיק מיין נעשאָמע האָט פאַרקלעמט זיך
און אין אָנמעכטיקן צאַאַר זיך געשמאַכט,
ווען ער האָט הייזעריק געכאָרכלט: — יאָ, איך נעם זי —
פינטלדיק די אויגן צו זיין וואָך.

און וואו געפינט מען אלע ווערטער צו דערציילן
די ערשטע נאַכט, ווען כ'האָב פארלוירן זי פון הויז,
זי — א קינד, א קאָשער יידיש מיידל
אין דער נאַקעטקייט פון פרעמדער זינד אַנטבלויזט.

און צי האָסטו טאַקע נישט געקאָנט דערהערן
ווען זי האָט די בסורעס־טוויוועס שוין דערציילט —
די טיף־פארשטיקטע קינדערישע טרערן
ס'געוויין פארבאָרגן אין איר קינדערישער פרייד?

און צי איז די וועלט אַרום אַזוי גאָר בלינד שוין
אָדער, צי האָבן זיי געלאַכט פון מיר דעם נאַר —
ווען זיי האָבן מיר מאַזל־טאָוו געוואונטשן
און אַלעס האָט געוויינט אין מיר פאַר צאַאַר.

און צי האָט די גאַנצע גאָטס דערוויילטע איידע
וואָס האָט מיטן ניצאָכן זיך געפרייט,
נישט דערפילט דעם ווייטיק פון אונדזביידן
נישט דערהערט דעם פיין אין אירע רייד.

זיי דאַנקען איצט מיט גרויסער היסלאַהאַוועס
וואָס דו האָסט אויסגעהערט דיין פאָלקס געבעט,
און מיט מאָלצייטן און טרינקעניש זיי פראַוועט
דעם נעס געבוירן אין אַ גויאיש בעט.

זיי טאַנצן שיקערע מיט פרייד מיט ווילדער
זיי טאַנצן שיקערע מיט פרעס און ווייַן,
און כ'ווייס נישט צי דו וועסט אינעם געפילדער
דערהערן מיך — דערהערן מיין געוויין.

זיי טאַנצן, ווייל ד'האָסט אָפּגעווענדט דעם כורבן
ווייל געראַטעוועט זיי האָבן זייער לייב;
און קיינעם קימערט נישט דער גרויסער קאָרבן
וואָס כ'האָב אפן מיזבייעך דיר געלייגט.

און יאָנטעוודיק איז איצט אין די געצעלטן
פונעם שייוועט וואָס דו האָסט דיר אויסגעוויילט —
אָבער ווער וועט איצט אין אלע זיבן וועלטן
אויסהערן נעשאָמעס שטילע צוויי?

איז אויב דו האָסט דעם קאָרבן אָנגענומען
און אויב עס איז דיין מישפּעט שוין גערעכט,

גלייך דעם רוקן פון יעהודע אוים דעם קרומען
און זאָל ייסראָעל מער נישט זיין פאַרקנעכט,

און זאָל זיין אונדזער יאָנטעוו גרוים און הייליק
און ווייס, און אומשולדיק ווי ס'שמייכלען פון אַ קינד,
און זאָל נישט קיינער וואַגן צו דערציילן
פון ניסים שרעקלעכע, ווי דער אַ פון אַצינד.

דו שווייגסט — און נאָר די זילבערדיקע שטראַלן
שטראָמען אין דער גראַנאַט־בלאָער נאַכט;
דו שווייגסט — און נאָר פונוויטנס די שאַקאַלן
האָבן שפּעטנדיק מיין טפילע אויסגעלאַכט;

דו שווייגסט — און נאָר א ווייטער ווינט א ווילדער
צעפּאַטלט האָט מיין יידיש־גראָע באָרד;
צי איז מיין קאָרבן טאַקע אַן אומזיסטער?
צי ווילסטו נישט אַנטפּלעקן אונדז דיין וואָרט?

אומזיסט איך וואַרט, זאָלסט געבן מיר דיין ענטפער
אומזיסט איך וואַרט, זאָלסט אויפדעקן דיין סאָד;
און שוואַרצע נאַכט רוקט אָן א פולע מיט געשפּענסטער
און איינזאַם קלינגט אין פינצטערניש מיין טראָט.

# דוואָירע די נעווינע זינגט

איך זינג צו דיר, פלינקפּיסיקער ביניאָמען
צו דיינע שטרענגע, אומבראַכמאָנעסדיקע מאַכנעס
צו דיר, וואָס טוסט פּאַרטיליקן איעדן פּאַכדן
צו דיר, וואָס ס'איז דיר ליב דאָס וואָרט: נעקאָמע!

זוואָלן וואָרט מיט פּאַרמעטן מיט געלע
אַף אייזל-פּעל די שלאַכטן צו פאַרשרייבן —
די זין ביניאָמענס זענען ווי די לייבן
די זין ביניאָמענס זענען הירשן שנעלע.

ס'איז דאָן באַם יאַם געבליבן, וואַרטנדיק אַף ניסים
און אָשער וואַרט באַם אויסגוס פון די טייכן —
ווער דאַרף דען זיי? צום סוינעס גאָרגל גרייכן
ביניאָמענס שלאַכטער און געניטע פיילנשיסער.

נאַפטאָלע זיצט און שפּילט זיך מיט די זאַנגען
און רואוון דרימלט צווישן זיינע שאָפן —

בינימען גייט מיט פייערדיקן שטראָפן
בינימען גייט צום בלוטיקן געראנגל.

און הער מיך אויס, דאָס גאַנצע פאָלק ייסראָעל!
פאַרנעמט מיין וואָרט, איר שוואַטים פון יעהודע!
מיר ווילן נישט קיין שלעפעריקע, מידע
ווען סאָנים שאַרפן שוין די שנאָבלען ווי די קראָען.

מיר ווילן נישט קיין סאָפרים, צי כאַכאָמים
וואָס זאָלן גלייכגילטיק באַשרייבן די געפעכטן —
זאָל שפּיז מיט שפּיז, און שווערד מיט שווערד זיך פלעכטן
מיט פלאַם און בלוט פאַרשרייבט יעשורונס נאָמען.

מיר ווילן נישט קיין זילבער-גלעקלעך, האַרפן
מיר ווילן נישט קיין פידלען און קיין פלייטן
זים צום אויער איז דער טומל פון די רייטער
זים דאָס קלימפּערן פון שווערדן שאַרפע.

זים דער שטורעם, און געבענטשט איז דער געוויטער
זים דער וויי-געשריי פון סוינעס גאָרגל.
טראָגט אַנטקעגן דער צעשיינטער זון אין מאָרגן
דאָס נעקאָמע-ליד אין ברויזן פון געבליטער!

און ווער געזאָגט האָט, אַז מיר זענען אויסדערוויילטע
צום פונאַנדערשפּרייטן אומעטום אונדזערע ביינער?
צו פאַרנעמען בלויז די אייגענע געוויינען
און קרעכצן אונטער יאָך פון פרעמדע בייטשן?

און ווער געזאָגט האָט, אַז אַזוי איז אונדזער גורל
צו פאַרלירן פונעם שטאָם די שענסטע צווייגן?
צו פאַרשפּאַרן זיך אין פּאַכעד ווי אין שטייגן?
צו פאַרשפּאַרן זיך אין אײמע און אין מוירע?

און ווער געזאָגט האָט, אַז מיר וואַרטן אויף באַשיצער
וואָס דאַרפן אונדז ערשט ברענגען די יעשועס?
איך זינג צו אייך — דוואָוירע די נעוויע
אין קנאַל פון דונערן, אין פייער פון די בליצן:

איך בענטש די פלינקע פיס, וואָס לויפן זיכער
דעם פיינט צו יאָגן אויף די ווייטע וועגן,
און טראָגן אין געראַנגל אים אַנטקעגן
די שפּיזן די צעשטורעמטע אין וויכער.

איך בענטש די הערצער, די געהאַרטעוועטע, פעסטע
וואָס ווייסן נישט פון ווייכקייט, און פון פּאַכעד,
וואָס צאַפּלען נישט אין וואַרטעניש — נאָר וואַכן
און זענען גרייט צו בלוטיקע פאַרמעסטן!

איך בענטש די זיכערע, די שטאַרקע אָרעמס
וואָס ווייסן נישט פון וואַקלעניש און ציטער
וואָס האָבן סאָנימס גאָרגלען דורכגעשניטן
און ווי מיסט צעוואָרפן בלוטיקע פּעגאָרים.

איך בענטש דעם מאָרגנרויט, געבוירן אין געפעכטן
איך בענטש דאָס פייער, דאָס צעבלאָזענע אין פלאַקער

*

איך בענטש די האנט, וואָס טראָגט פאָרויס דעם פאקל
איך בענטש דעם זיג און די נעקאָמע די גערעכטע.

און איבער ברייט צעוואָרפענע פעגאָרים
און איבער קאָפּ צעשפּאָלטענעם פון סיסרע׳ן
איך בענטש די זון, די רויטע זון פון מיזרעך
איך בענטש דעם בונט אין אייביק ברענענדיקן דאָרן.

# צעבראָכענע פֿליגל

# שאַבעס־מאַלקע

1

וואָס עס קאָן זיך אַלץ פֿאַרלויפֿן
אין אַ לאַנגן זומער־פֿרײַטיק,
אַף דער זוניק־לאַנגער גאַס
אַפֿן ברייט־צעשפּרייטן מאַרק!!!
שײַנט אַ זון אַ הייסע, רײַפֿע
פּרעסט דעם שוויים אַרוים פֿון לײַטן
אַלץ איז אײַליק, שוויציק, נאַס
שיר נישט ברעכנדיק דעם קאַרק.

זיצן יידענעס אַף קוישן
ברייט־צעזעצטע ריזן־קוואַקעס,
לונג־און־לעבערס, דרויבעס, קרויט
באַניקערן, גרינוואַרג, אויבס;
יידן לויפֿן, יידן רוישן
קורצע, לאַנגע, פֿרייע, כניאַקעס

הײם־דעריאַכמעט, אינדיק רויט —
אינעם פּריײַטיקדיקן שטויב.

שטייען קאַצאַווים אין די יאַטקעס
רויט־געמאָלטע טויערן־טירן
לאַכט א האַלב־געשינדטער קאַלב
צום פאַרבלוטיקט רויטן קלאַץ;
וויגן זיך די ווייסע קאַטשקעס
איבער קעלבערנע געהירן —
אין צוויי שאַרבנס האַלב־אויף־האַלב
מיט די אויגן שטאַר פאַרגלאָצט.

שטייט א שטויב אין בעקערייען
גראַבלען קאַטשערעס אין אייוונס
שמייכלען ראָזע קוילעטש־בעק
צו באַמעליקט־ווייסע בערד;
שמעקט מיט טייג, און ס'שמעקט מיט קלייען
אייער, צימרינג, קימל, הייוון
ווי א קאַלע האלב־באַדעקט —
קוקט א קעז־קוכן אַפּער.

אין די שטובן — האַלבער שאַבעס
אַף די שוועלן — גאַנצער מוישעוו
אין די אַלקערס — פריש און ווײַס
אין די קיכן — א הו־האַ!
א סימפאָניע פון די זשאַבעס
פּלעכט זיך אײַן אין די גערוישן

פריער שטילער, נאָכדעם דרייסט —
א דרייגאָרנדיקער: קווא־אַ־אַ!

אויסגעצוואָגן קינדער־קעפּלעך
יידיש־זיסע, וואוילע יאַטלעך;
אין די אויגן — שוואַרצער כיין
יעדער שמייכל — טויזנט טאַם.
שוין פאַרקנעפּלט אלע קנעפּלעך;
מאַמעס הענט — סובטעלער אַטלעס
מאַמעס בליק — דער שטאָלץ אַליין
מאַמעס ליבע — אָן א צאַם.

און דער אָוונט קומט א שטילער
און איז שאַבעסדיק געהויבן;
יעדעס ליכטל — אַ געבעט
יעדער שטערן — אַ באַגער
יעדעס האַרץ — אַ פרומע טפילע
צו דעם גרויסן האַר פון אויבן;
יעדעס ווינטל — צאַרטער גלעט
איבער שעפע־זאַטער ערד.

פון געהאָפּטענעם פאָרויכעס
פליט א טויב אין ווייסן ליינען
בורקעט, מורמלט שטילערהייט
שווערסט: זי איז פון א י ם אַליין.
אוילעם שטייט מיט לעצטע קויכעס
קוים דערוואַרט זיך דעם „עלינו״

און ס׳צעגייט זיך ווייט און ברייט
און סע הילכט אַפּ אַן „אָ־מן!״

אויסגעאייערט — געלע כאַלעס
אויסגראַווירטער קידוש־בעכער
און דאָס טישטעך אַפן טיש:
ווייסער קראָכמאַל, שטייף און האַרט.
און די לייכטער: פרומע קאַלעס
און דער בליצלאָמפּ: העכער, העכער
אין דעם פּיסק פון זילבער־פיש
דאָס גאָלד פון מערן־רענדלעך שטאַרט.

זאַטקייט קומט אַ מידע, שטילע
ענגען לאַנגע סאָפּליעס כיילעוו
שאָטנס קריכן אַף די ווענט
פון די בעטן מידער שנאָרך,
און ס׳צעשפּילן זיך די גרילן
אין די פרייענדיקע קיילים,
און דעם אוונטס בלאָע הענט
זאַפּן איין אַ יעדן שאָרך.

2

גאָלד און בלאָ — די פּעלערינע
פון דער פרומער שאַבעס־מאַלקע,
און באַזוימט האָט זי איר קלייד
מיט אַ פּאַס פון סעלעדין;

און א צניעסדיקע שכינע
שפאנט ארום איבער די אלקערס.
שושקעט אייצעס שטילערהייט:
„ס'איז א מיצווע, ס'איז א דין!"

האָט געעפנט זיך דער סידער
אפן בלאט פון שיר-האשירים
און ז'איז טאנצנדיק אַרוים
ז י וואָס בענקט, און ז י וואָס גאַרט
און זי וויגט אנטבלויזטע גלידער
אין לעוואָנע-שיין קאַלירן
וויגט די היפטן, וויגט דעם שוים
און פארשווינדט אין אַלטן פארק.

און פון צווישן ביימער, בלומען
פון געדיכטעניש פון שאָטנס
אין דער זילבער בלאָער לופט
קלינגט איר דורכדרינגלעכע שטים;
און זיי לויפן, און זיי קומען
מיט אָן אָפּגעהאקטן אָטעם
איינגעטאָן אין ווייטן רוף
ע ר צו א י ר, און ז י צו א י ם.

3

ער — איז א שלאָסער-געזעלן
אין גרויסער און רוישיקער שטאָט,

און זי — ז׳איז אים זייער געפעלן
כוץ איין זאַך: זי גלייבט נאָך אין גאָט.

פּרואווט ער זי איבערצוצייגן
און ער רעדט וועגן מאַרקסן און גאָט
און עס רוישן פאַרוואונדערטע צווייגן
פון די ביימער אַרום אין א ראָד,

ווייל זיין שטים איז א טיפע און שטילע
ווען ער רעדט וועגן גאָטלאָזן סאָד
און ער ווייסט נישט, ער ווייסט נישט אפילע
אַז עס קלינגט ווי א טפילע — צו גאָט.

און זי טראַכט, אַז עס איז אַן אווירע
אַזוי נישט צו גלייבן אין גאָט
נאָר מיסטאָם האָט ער שלעכטע כאַווײרים
וואָס ער רעדט זיי בלויז נאָך אַזוי־אָט — — — —

איז ער אַזאַ שטאַרקער און האַרטער
און זי איז די גוטסקייט און גנאָד,
איז זי ווי א גראַציע א צאַרטע
און ער ווי א גריכישער גאָט.

און זיי גייען געאָרעמט־געקלאַמערט
און עס שווימט, נישט עס גייט — זייער טראָט
און פאַרליבטע זיי שווימען צוזאַמען
צו א נייעם און יונגעטשקן גאָט.

4

האָט א קאַץ געטאָן א גענעץ
וואַכזאַם אָנגעשפּיצט די אויערן
רונד דעם רוקן אויסגעבויגן
און דערהערט
און דער — הערט:
פון דער גרויסער קיילים שאַנק
עפּעס — — — עפּעס — — — א געקלאַנג!
עפּעס — — — עפּעס — — — א בינג-באַנג!
אנו! אנו!
אוואו? אוואו?
אין די גרינע, גרינע אויגן
גליט א פונק
א גאָלד'נער פונק — — —
א טראַכט — — — א קלער — — —
און מיט איין שפּרונג:
צו דער שאַנק
צום געקלאַנג
צום בינג-באַנג
און אַריין, אריין אינווייניק,
און — — — ?
עס האָט זיך אומגעקערט
אלעס
אלעס
אַף דער ערד
הערט!

הערט!!
הערט!!!
— נו, איז וואָס-זשע?
גאָרנישט — — —
גאָרנישט — — —

5

...נאָר ארום איז פונעם אלקער
יאַנקל-שלוימע דער „פּאָדריאַטשיק"
און זיין ווייב, די „רויטע מאלקע"
און דערהערנדיק ס'געשריי
אלע שכיינים אין א ריי:
דאָן מעלאמעד מיטן קאנטשיק,

ייצכאָק-בעריש דער טאַנדייטער
און רעב צאָדעקל „דער צאדיק"
נאָטע פעסל'ס דער „צעדרייטער"
וואָס ער האָט א קלייט מיט שפּייז
און זיין איידעם — וועלוול וויים
וואָס אָף פּויליש הייסט ער: וולאדעק,

און פון ווייטערדיקע הייזער
זיינוול בעקער, יוינע „דרייער"
און דער בלינדער פינכעס-לייזער
און אפילע איטשע פראָם

דער, וואָס האָט די גרויסע קראָם
און וואָס שיקט קיין דאַנציק אייער.

איז דען מעגלעך צו געדענקען
אַלע נעמען, יעדן איינעם?
פונעם געסל, פונעם ענגן
ערשט פון ברייטער גאַס, פון מאַרק
ערשט די פּאַרלעך צריק פון פּאַרק
אַלץ זיך אויסגעמישט אינאיינעם.

— וואָס זשע איז זיך דאָ פאַרלאָפן?
פרעגט רעב דאָנדל דער מעלאַמעד.
זאָגט רעב יאַנקל האַלב-פאַרשלאָפן
מיט אַ פּאָנפע דורך דער נאָז:
— גאָרניט, גאָרניט, ווייס איך וואָס,
אַ שאָדן אין געפּעם מיסטאָמע.

— ווער זשע האָט געמאַכט דעם שאָדן
לאָמיר הערן, נו אַדרעראַבע!
— יידן, רייסט ניט אָפּ דעם לאָדן —
איז אים שוין ס׳געדולד געפּלאַצט
— ווייס איך וואָס, נו יאָ, די קאַץ
האָט זשע מיר אַ גוטן שאַבעס!

איז מען אָבער שוין אינדרויסן
בלייבט מען שטיין אין רעדלעך, קרייזלעך
וואָס זשע איז דער אוילעם אויסן?

א וואָרט אהין, א וואָרט צוריק
א שטיקל שמועס פון פּאָליטיק
פארוואָ'דען נישט? נו, מיילע, מיילע...

6

האָט רעב איטשע דערציילט, מיט א שטערן פול קנייטשן
אז עס קאָכט זיך, עס גרייט זיך א קריג מיט די דייטשן.

האָבן אויגן געקוקט אין געשטערנטן הימל
און הערצער געהאָפט אז צו דעם וועט נישט קומען.

און אַנדערע ווערטער, מיט האָפענונגען גרינע
דערמאָנט האָבן בענקענדיק ס'וואָרט: פּאַלעסטינע !

און ס'האָבן צעהיצט זיך כאכאָמים געניטע
און ס'שטראָמען די ווערטער פאראקשנט, פארביטערט,

און יידן געבוירן אין דאכקעס און דאַלעס
ווילן גערעכטיקייט טאָקע פאר אלע,

און רייסן פון ביטערע, גאליקע הערצער
גערעכטיקע און אומגעלומפּערטע ווערטער.

און קיינער דעם צווייטן קען שוין נישט באנעמען
און זיכער איז יעדער: בא אים איז דער עמעס,

און ס׳וואקסט דער וויקועך א הייסער, א ווילדער
מיט ראַיעס, מיט פּסוקים, מיט ראָש און געפילדער,

מיט כאָכמעדיק-צוגעטראַכטע לאַנגע ציטאַטן
מיט שפּיצלעך, מיט שאַרפזין, מיט קלאָלעס „אין טאַטן",

מיט שוים אויף די מיילער, מיט בליציקע אויגן
מיט לייב און מיט לעבן, צעטראָגן, צעפלויגן.

און באַגלייט איז א יעדער געשריי מיט א „וואַיע"
א פילפל, א קוועטש, און א ניגן א נייעם,

און ס׳טראָגט די לעוואָנע, א זילבערדיק בלייכע
א שפּעטנדיק שטילן, איראָנישן שמייכל.

זי לאַכט פונעם פילפל, זי שפּעט פון די אייצעס
זי ווייסט וואָס עס דראָט זיי, זי ווייסט וואָס עס גרייט זיך.

7

איז, הער זשע דו בלייכע לעוואָנע
אינעם זילבערדיק-שייניקן פראַק!
איך שפּיי אין דיין גלאַנציקן פּאָנעם
אין דיין קופּערנעם שטערן פון האָמען
איך, א שנאָרער, וואָס האָב נישט קיין נאָמען
איך , א וואַגאַבונד, טרעמפּ, און באָסיאַק.

ווייל ווי קענסטו דערלויבן זיך שמייכלען
אי דעמלט, אי איצטער צוגלייך
צו גלאָצן פון בלאָלעכע הייכן
און קלויבן מיט שטראַלן מיט שטילע
טאַכנונים, געבעטן און טפילעס
פון טמימים, וואָס האָבן געגלויבט?

8

כ׳האָב געגלויבט אין די אָזיערעס גלייכע
אינעם גלאַטן קרישטאָלענעם שפּיגל,
וואו מיין שיפל א ראָד האָט געצייכנט
און געשמייכלט דער שפּיץ פון מיין זעגל.

כ׳האָב געגלויבט אין די טייכן די ברייטע
וואָס האָבן אין זון זיך געשלענגלט,
און מיין יוגנט געהילט, די פארשייטע
אין די גלאַנציקע, טייכיקע סטענגעס.

כ׳האָב געגלויבט אין פארנאכטיקן שפּילן
פון זומפּיקע זשאַבע־אָרקעסטערס
אין סאָוועס, אין שפּאַרבערס, אין גרילן
און אין וועווערקעס הויך אין די נעסטן.

כ׳האָב געגלויבט אין די מאָכיקע שטאַמען
פון די אלטע, באַבערדלטע דעמבעס,
אין די נעפּלען פון זילבערנעם סאַמעט
אף שטילע, פאַרכאָלעמטע קעמפּעס.

כ׳האָב געגלויבט אין די באַרגיקע שפּיצן
פון די פעלזיק־גראַניטענע ריזן,
און אין לויטערע קוואַלן, וואָס קריצן
דעם וועג אין פאַראַקשנטן ריזלען.

כ׳האָב געגלויבט אין פאַרנאַכטיקע שאָען
מיט בלאָע כאַלוימעס באַפליגלט,
און אין גאַנצענעם לאַנד, אינעם גראָען
וואָס האָט מיך דערוואַכט און געוויגלט.

9

איך בין נישט לייווע־ייִצכאָק פון בערדיטשעוו
און ווער בין איך דאָס, כ׳זאָל זיך מיט דיר שפּאַרן?
נאָר מיך וועסטו נישט גלעטן מער, צי נאַרן
און נישט מיט דיר וועל איך די שיווע זיצן.

ווייל וואָס טויג מיר שוין די פרומע שאַבעס־מאַלקע?
און ווער דאַרף דיינע ברענענדיקע ליכט? —
אז אַף מיין מאַמעס אַש די שיידים פּאַרלען זיך
און גויאים פּאַרלען זיך אין אונדזער אַלקער.

אז וואָס טויג מיר שוין די צניעסדיקע שכינע?
און ווער וועט אויספירן דיין מיצווע און דיין דין? —
אז אין מיין טאַטנס שאַרבן וואוינט אַ גרינע שפּין
און אין מיין קאָפּ איז גאָרנישט דאָ כוץ סינע.

אז וואָס טויג מיר שוין דיין „דודי לקראת כלה?״? —
אז אָפּגעשניטן האָט מען איר די ברוסטן,
און אין איר יונגן מוטער־טראַכט אין פּוסטן
האָבן ווייסע ווערים זיך געמאַכט אַ פּאַלאַץ.

אז ווער דאַרף איצטער שוין דיין שיר־האשירים? —
אז געמאַכט האָסטו מיין בעט צו מישקאַוו־זוינע,
אז געשאָכטן האָסטו זי ווי אַ שעפּס אין בוינע
און צעזייט־צעשפּרייט די גלידער אירע.

אז פאַר וועמען איז דער יאָס דיינער מעכובעד? —
ס'איז יעדער טאָג אַ פרישער זעץ אין שלייף,
אז וואו זאָל איך געפינען מיין „שטיק זייף״?
אז וואו געפינט מען איצט מיין קייווער־אָוועס?

אז וואָס דאַרף איך דיין שאַבעסדיקן ניגון? —
אז זי וועט שוין קיין קינדער מער נישט האָבן
און אז כ'ווייס אפילע נישט, וווּאו עס איז באַגראָבן
דאָס קליינע קערפּערל מיטן פאַרברענטן וויגל.

און ווער דאַרף איצט דיין כאָכמעדיקן פּיירעק? —
אז מ'האָט רעב צאָדיקלען געשלעפּט קיין בערגען־בעלזען
און רעב דאָנדלען, וואָס געווען איז ער אַ „בעלזער״
האָבן אויסגעשאַרפעט הינט זיינע געדערים.

אז אויסגעמישט דו האָסט שוין אַלע קוואָרים
און בלומען פלאַנצסטו אָף איעדן קייווער

און יעדער בלום — א בלוט-באַשפּריצטער אייוועך,
און יעדער שטראַנג — אַן אָפּגעהאַקטער אָרעם.

און איצטער כ׳שטיי, אַ גאַט פון מיינע אָוועס
מיט קלאָלעס גליענדיק און שוואַרץ ווי קויל,
מיט שוים אויף ליפּן און מיט היץ-פאַרברענטן מויל
א לעבעדיק-געשאָכטענער ווי זכאַריע-נאָווי.

10

און איצטער בין איך בלויז — א וואַנדערער אין שמאַטעס
און זוך א וועג,
און געשוואָלן זענען מיינע פיס, און אָפּגעמאַטערט
אין ווילד געיעג,

און ס׳קאָכט אין מיר דאָס בלוט, וואָס האָסט פאַרגאָסן
אומנישט, אומזיסט,
און ווי א פידל, א צעשמעטערטע, פאַריאָסעמט
בין איך און וויסט.

אז וואָסזשע איז מיר איצטער נאָך פאַרבליבן
אין גאַנצן רוים?
אז ס׳ליגט צעוויינט-צעשפּרייט אויף יאַמען זיבן
מיין בלאָער טרוים.

און ס'ליגט פארברענט — צעאשט מיין גאנצער גלויבן
אין גאַר דער וועלט,
און ציניש קוועלט דיין לומפּן־פּיסק פון אויבן
מיט שפּאָט און קעלט,

און ווי אן אַנמעכטיקע, הינטישע יעלאָלע
קלאָגט מיין וואָי,
און כ'הויב צו דיר אין ייעשדיקער קלאָלע
מיין באָרע פויסט.

# שרייב מיר אַ בריוועלע, מאַמעשי!

1

שרייב מיר א בריוועלע, מאמעשי!
גלייך פון גאניידן אהער,
א שוועלבעלע נעם פאר א שאַמעסל
און גיב איר א צייכן — א בער.

וועט עס דיך עפשער וואונדערן
וואָס פאר א בער כ׳האָב אין זין,
שרייב איך דיר שוין א באזונדערן
פיירוש צום בער אצינד:

געוועזן איז דער בער א פליושענער
א געפילטער מיט זעגעכץ און שטרוי
און איך פלעג פארן שלאָפן-גיין קושן אים
אין רויטן און טוכענעם מויל.

און דו פלעגסט זאָגן מיר: „נאַרעלע,
דאָס האָב א י ך דאָך דעם בער דיר געקויפט"
איז, פלעג איך פון בעטל א ווארעמער
אַרוים, און קושן דיך אויך.

איז דיין שמייכל געווען אזא גליקלעכער
און איבער מיין בעטל געשוועבט,
און האָט אינעם בער געשפּיגלט זיך
און ס'האָט שוין דער בער געלעבט.

איז אויב דו וועסט שרייבן מיר, מאמעניו.
זוך אוים דעם פּליושענעם בער,
גיב אים דיין שמייכל דעם סאמעט'נעם
און שיק זיי מיר ביידע אהער.

2

שרייב מיר א בריוועלע, מאמעשי!
גלייך פון גאניידן צו מיר,
אַ טייבעלע נעם פאר א שאַמעסל
און גיב איר א צייכן — אַ שניר.

וועט עס דיך עפּשער וואנדערן
וואָס פאר א שניר כ'האָב אין זין,
שרייב איך דיר שוין א באזונדערן
פּיירוש מיט רויטן טינט,

מיט רויטן טינט, מיט רובינענעם
מיט בלוט, וואָס קאַפּעט און טריפּט
וואָס שיינט, און גלאַנצט, און מינעט זיך
און זאַפּט זיך איין אין מיין בריוו:

געדענקסטו מיך עפּשער, מאַמעניו!
ווען איך בין געווען אַזוי קליין,
דעמלט ווען כ׳פלעג נאָך דאַווענען
און דו ביסט געווען אַזוי שיין;

האָסטו געגלעט מיינע הערעלעך
מיט מאַמעדיק-שטילן באַריר,
און ס׳פלעגן פאַלן ווי פּערעלעך
דיינע טרערן אויף מיר;

און איך האָב זיי אַלע געזאַמלט
צו דיר אַהינצו געשיקט —
טאָ מאַך אַ שניר פון זיי, מאַמעניו
און שיק מיטן טייבעלע צריק.

3

שרייב מיר אַ בריוועלע, מאַמעשי!
פון ווייסן און הימלישן לאַנד,
און נעם, און נעם פאַר אַ שאַמעסל
אַ ווייסן, אַ הימלישן שוואַן.

ווייל, עפּשער געדענקסטו נאָך, מאַמעניו,
דעם פּולאַווער פּאַרק אינדערפרי
וואו איך פּלעג פאַר די עקזאַמענעס
גיין מיט די ביכער אהין.

געווען אזוי שווער מיר צו לערנען זיך
אין פרילינגדיק דופטיקער לופט,
און פון הינטער די צווייגן, די ווערבענע
האָט עמעצער מיך גערופט.

און כ׳האָב זיך געשעמט צו דערציילן דיר
די מאָדנע כאַלוימעס באַנאַכט,
און פלעגסט מיך געפינען דאָרט ווײַלנווײַז
פאַרוויטלט, און מאָדנע פאַרטראַכט.

פלעגסטו מיין קאָפּ דאַן אַ צערטל טאָן
און זאָגן נישט מיר און נישט דיר:
„זע נאַר, סע וואַקסט אים אַ בערדל שוין"
און ס׳ערשטע מאָל כ׳האָב זיך ראַזירט.

און נאָך, פלעג איך מאָלן און צייכענען
די ביימער אין אַלטיטשקן פּאַרק
דאָס קליינע, פאַרשימלטע טייכעלע
וואָס אונטערן הויכן באַרג.

און ס׳האָבן אין וואַסער געשפּיגלט זיך
שוואַנען פאַרכאָלעמטע צווײ,

פון ליבע און בענקשאַפט פאַרשיקערטע
מיט העלדזער ספּיראַליש פאַרדרייט.

איז, שרייב מיר א בריוועלע, מאַמעשי!
פון ווייסן, פון הימלישן לאַנד
און נעם, און נעם פאַר אַ שאַמעסל
איינעם אַזאַ מין שוואַן.

4

שרייב מיר א בריוועלע, מאַמעשי!
גלייך פון גאַניידן אַראָפּ,
און עפּשער געפינסטו א שאַמעסל
מיט אַ בלאָנדהאָריקן קאָפּ?

און זאָל זי בלויז קומען און טרעפן מיך
און זאָל זי בלויז קוקן אויף מיר —
מיט אויגן פאַרוואונדערט-צעעפנטע
מיט אויגן פון יאַם-קאָליר,

מיט אַ ווײַנשל-מויל אַ האַלב-אָפענעם
אין איר זומער-געבלימלטן קלייד
און אויף הויכע, הויכע פּאַנטאָפעלעך
פון שלאַנגענער לעדער גענייט.

און עפּשער געדענקסטו נאָך, מאַמעניו
אין וואַרשע דאָרט, אַפֿן וואָקזאַל —
געזעגנט מיר האָבן צוזאַמען דיר
אַ נײַעם, געהאַפּטענעם שאַל;

האָסטו געוואָלט עפּעס זאָגן איר
אַ פֿרײַנטלעך וואָרט און אַ שטילס
נאָר דאַווקע דאַן האָט צעטראָגן זיך
אַ לאָקאָמאָטיווענער גרילץ.

טאָ, אויב וועסטו מיר שיקן דאָס בריוועלע
פֿאַרבינד עס ווי מיט אַ שלייף —
מיט אָט דעם לאָקאָמאָטיווענעם
ווײַטן, פֿאַרכאָלעמטן פֿײַף.

און שרײַב מיר דאָס בריוועלע, מאַמעשי!
גלײַך פֿון גאַנצן האַרץ אַראָפּ,
און זאָל טאַקע זי זײַן דאָס שאַמעסל,
ז י מיטן בלאָנדענעם קאָפּ.

5

שרײַב מיר אַ בריוועלע, מאַמעשי!
ווײַל ס׳האָבן מיך אַלע פֿאַרלאָזט,
און אויב דו געפֿינסט נישט קיין שאַמעסל
שיק עס מיט פּאָשטעטער פּאָסט.

און עפשער האָסטו נישט פֿאַרגעסן נאָך
אין נײַנצן-דרײַסיק-און-נײַן,
ווען כ׳האָב אינעם שמאָלינקן געסעלע
צום ווײַטן וועג זיך געגרייט;

ביסטו דאַן אַרוים צו באַגלייטן מיך
און שטיין געבליבן באַם פּלויט
מיט אויגן פֿאַרפּײַניקטע, לײַדנדע
מיט אויגן געשוואָלן און רויט.

געווען איז דײַן קאָפּ דאַן אַ גראָער שוין
אַ קאָפּ — ווי די שכינע אַליין,
און אַ פּלעמל האָט קאָדשיי-קאָדאָשימדיק
אין דײַנע אויגן געשײַנט.

און ס׳האָט אָט דאָס גליענדיק פּלעמעלע
געלויכטן אין גאַנצענער וועלט —
אין אויפֿגאַנג, אין זון און אין דעמערונג
אין היצן, אין רעגנס, אין קעלט,

אין שפּיץ פֿון קאָלאָנעס צעצויגענע
אין שלאַכטענעם פֿײַער און פֿלאַם,
און ווען ס׳האָט די וואָגשאָל געוואויגן זיך
אין העלדיש פֿאַרביטערטן קאַמף;

און ווען ס׳האָבן פּאָלקן צעטראַסקעטע
צום נײַעם קאַמף זיך געגרייט,

און ווען כ'האָב מיט הענט, מיט פּראַקטישנטע
געשאָכטן דעם ערשטן דייטש.

אין פראָסטן פאַרשנייטע, פאַרביטערטע
אין ברייטן, אוראַלישן לאַנד,
און אין טיף-בלאָע נעכט, אין פאַרציטערטע
פון ווייטן אוזבעקיסטאַן.

אין בלאָען שיין פון די טורעמלעך
פון אַלטן סאַמאַרקאַנד,
און אין מיטן כאַמסינענעם שטורעמען
אין מידבער פון איראַן.

אַף מויערן ווייס אויסגעצויבערטע
אין פּאַלאַץ פון פּערסישן שאַך,
און אין גרינלעכן, קליינעם, און זויבערן
שטעטעלע: קערמאַנשאַך.

אין שמאָלע, איראַקישע געסעלעך
וואו סינדבאַד פון באַגדאַד,
אַ רואיקער שויך, און געזעסענער
שפּאַצירט אין אַ ווייסן כאַלאַט.

און אפילע אין שטאָט אין דער הייליקסטער
פון אלטער וואנט פון געוויין,
און פון מינאַרעטן אומצייליקע
האָבן דיינע אויגן געשיינט.

פון טונקעלער הויט פון טיימאַנישער
פון הויכן טורעם אין קיבוץ,
פון שוואַרצע בערד בעדואינישע
און פון אַראַבישן שמוץ,

פון לאַבוסעוואַטע סאַברעלעך
באַם טעל-אַוויווער יאַם
וואָס וואַויוועז, שפּילן און גראַבלען זיך
אין גאָלדענעם, יאַמישן זאַמד.

פון קרייצן פון וואַטיקאַנישע
פון ווייסן קיטל פון פּויפּסט
פון פּענצטער הויך-ווענעציאַנישע
פון רוימיש-צעזאַרישן שטויב;

איבער דייטשישע הייזער צעשטויבענע
איבער דייטשע נעווייִלעם באַם וועג —
ווי אַן „עמוד האש" אַ פּאַרצויבערטער
האָט ס'פלעמעלע דיינס זיך באַוועגט.

און נאָך, איבער לענדער אומצאָליקע
און נאָך, טאָג איין און טאָג אויס,
ביז כ'האָב דערשפּאַרט צום אַמאָליקן
געסל און אונדזער הויז.

וואו קען איך די ווערטער געפינען דיר —
צו זאָגן וואָס כ'האָב געזען?

אז כ׳ווייס נישט, צי כ׳בין באם זינען נאָך
נאָך אלעם וואָס איז געשען.

און כ׳מוז דיך דאָס פרעגן, מאמעלע:
וואָס טוט מען, וואָס טוט מען אַצינד?
פאַרלוירן געגאנגען דאָס פלעמעלע
און כ׳בין איצט אינגאנצן בלינד.

איז, אויב דאָס איז טאַקע וויכטיק נאָך
כ׳זאָל בויען אַן אַנדער הויז —
טאָ שיק מיר פון אויגן פון ליכטיקע
אַן אנדער פלעמל אַרויס.

און שיק עס וואָס שנעלער, מאַמעשי,
ווייל איינזאם איך בין און פארלאָזט,
און אויב דו געפינסט נישט קיין שאַמעסל
שיק עס מיט פּאָשעטער פּאָסט.

# ראָזענבלאַט מאָרדכע־וואָלף

## אַ פּאָעמע וועגן מיין ברודער

.1

דאָס ליד וואָס איך וועל איצטער זינגען...
ניין! נישט „ליד" זאָגן האָב איך געוואָלט,
דאָס געוויין וואָס איך וועל פאַר אייך ברענגען —
הייסן הייסט: מאָרדכע־וואָלף.

דאָס געוויין איז איינזאַם, דערשלאָגן,
דאָס געוויין איז אָף שטענדיק שוין מיינס;
אין די שלאָפלאָזע נעכט און פאַרטאָגן
מיין פאַרביטערט, מיין אייגן געוויין.

קריכן די שאָטנס פון פענצטער
אָף פוסטע, אָף ליידיקע ווענט,

און ע ר  קומט אלץ נענטער און נענטער
און פרעגט מיך צי כ׳האָב אים דערקענט.

ער שיילט זיך ארויס פון די שאָטנס
און קוקט פון די ברילן אפער,
און זאָגט: „דאָס בין איך דאָך, דיין מאַטעק,
דיין ברודער דער אינזשעניער״.

און איך זאָג אים: „זעץ דיך, נו שטיי נישט,
אָט מאך איך דיר שוין א גלאָז טיי״.
ענטפערט ער: „סימכע, פארשטייסט נישט,
איך בין דאָך בלויז דיין געוויין.

איך ליג ערגעץ ווייט, א פארקוילטער,
איך קען נישט די גאס, נישט דאָס אָרט —
א שטויב צווישן כורוועס צעשטויבטע,
א זייכער, א נאָמען, א וואָרט.

און סימכע, דו שפּילסט זיך מיט גראמען,
דו ליגסט אין א ווארעמען בעט,
טאָ לאָמיר איצטביידע צוזאמען
א גראַם טאָן „בעט״ מיט „סקעלעט״.

טאָ לאָמיר איצט ביידע צוזאמען
א גראַם טאָן: „בלום״ און „שטום״
און ווידער: „די מאמע״ און „פלאמען״
און אויסשטעלן פערזן ארום...

סימכע, איך וויל נישט זאָלסט וויינען
און קריץ נישט אזוי מיט די ציין,
עס קענען דערהערן די שכיינים
מיך — דיין פאַריאָסעמט געוויין.

און איך וויל, דו זאָלסט עס באהאלטן
און ווארעמען מיך מיט דיין וואָרט,
מיך, דעם געשאָסענעם, קאלטן,
דיין ברודער מאָרדכע־וואָלף.

און צינד אָן דאָס קליינטשינקע לעמפּל,
און נעם מיך אריין אין דיין ליב,
דיין קליינטשינקן ברודער, דעם פּעמפּיק,
און שרייב — און שרייב — און שרייב —

און שרייב מיט א פּאַשעטן לאָשן,
און לייען עס מיר אפן קאָל,
און הייסן זאָל עס אויך פּאַשעט:
„ראָזענבלאַט מאָרדכע־וואָלף״

2

געזוען איז אזוי: אפן הויף אפן ברייטן
געוואויוועט, געשפּילט האָבן יאַטן
אין „קליפּע״, אין ״פּאלאָנץ״, אין „רוסן מיט דייטשן״,
אין „גריסקע״ און אין „סאָלדאטן״.

געוועזן איז אזוי: געיאָגט האָט מען טויבן,
געקראָכן אױף סלופּעס, אױף דעכער,
געהאַלטן מילכאָמעס און אויסגעהאַקט שויבן,
פאַרפּולט מיט זיך אַלע לעכער.

געוועזן איז אזוי: מיר זענען דריי ברידער —
און ער איז דער ייִנגסטער, דער קלענסטער,
א „צוציק”, מוזיניק, א מין „קידער-ווידער”,
וואָס קוים ער דערגרייכט „אזש” צום פענצטער.

געוועזן איז אזוי: קומט די מאמע פון קלייטל
א מידע, פאַרלאָשענע, בלייכע,
און לייגט אונדז אנידער א ראָזעווע ברויטל
און אים א זעמל א ווייכע.

און ער נעמט צעבלאָזן די ליפּן באַליידיקט
און זאָגט אזוי שטאָלץ און פאַראַקשנט:
„מאמע! די זעמל גיב גלייכער דעם זיידן
און איך — איך בין שוין דערוואַקסן”.

דער זיידע נעמט שמייכלען פון אונטער די ברילן,
די באָבע פון איבער דער טכינע,
און די מאמע איז געשטאַנען א גליקלעכע, שטילע,
און נאָכעם געשעפּט פון מוזיניק.

און פּ׳פלעגן די שוועסטערן ביידע זיך נעמען
(א בלאָנדער קאָפּ און א שוואַרצער)

איינרעדן אים, ער זאָל עסן די זעמל
און קושן און דריקן צום הארצן.

דער הונגער בלייבט שטיין א פארשעמטער אין ווינקל,
די נויט ווערט נישטיק און באָטל —
איבער דעם נאפט-לעמפל שטראלן און פינקלען
דער מאמעס אויגן און מאָטלס.

3

ציען זיך זילבערנע פעדים און שפינען
אין שווארצן קאָפּ פון דער מאמען.
פלעכטן זיך, קייטלען זיך טעג און באגינענס
און יאָרן אין יונגע געקלאמערט.

דער זיידע קרעכצט און נעמט רעדן פון שטאַרבן,
די מאמע קעכלט און לאַטעט,
און איך מאָל מיר אוים פילקאָלירין און פאַרביק
דעם גרויסן קאָפּ פון סאָקראטעס.

הערט אוים די באָבע די מאיסע מיט קאָאָם —
די מאַיסע וועגן קאָנטיפעז,
און זאָגט: „אזא רישעס איז בלויז מעשוגאַאָס,
ס'איז פּאַשעט אַ דיבוק, אַ קליפּע".

דער פעטער, ער לייענט איצט „אהבת ציון"
צי „עיט צבוע" פון מאפו,

די מאמע נעמט זינגען „די טעכטער פון ציון" —
אינדרויסן א רעגנדל קאפּעט.

און פּלוצלינג באַווייזט זיך מאַטעק א נאסער
און שמייכלט שולדיק און קינדיש,
און שלעפּט פון אונטער דער פּאָלע געלאַסן,
אַ דורכגעווייקט קליינטשיק הינטל.

די באָבע נעמט שרייען: „דער הונט קאָן פאַרטאַרפענען
— זאָגט זי — די טעפּ און די טעלערס".
דער זיידע וויל גלייך דעם הונט אַרויסוואַרפן:
„ווי פאַסט זיך א ייד מיט א קעלעוו?"

און מאַטעק שטייט א פּאַראַקשנטער, שטילער,
דאָס הינטל האָוקעט און וואָרטשעט.
די מאמע שטייט אויף און גיסט אָן „א קאַפּ מילעך"
און צעווייקט א פאַרדאַרטע סקאָרקע.

דער מאַמעס אויגן אין מאַטלען זיך שפּיגלען
און אלעמענס אויגן אים גלעטן.
דער מאלעך גאַווריעל מיט ווייסינקע פליגלען
באַזעצט זיך אָף זיין בעטל.

4

מאַטעק באַגלייט אין זיין וועג האַניבאַלן
דעם קריג מיט רוים צו געווינען.

פאַרוואָס, אָ, פאַרוואָס ביסטו דעמלט געפאַלן,
אומגליקלעכע קאַרטאַגינאָ?

ער וואַנדערט איבער אוקריינישע סטעפּעס
מיט באָהונען און זאַגלאָבאָן*),
און שיפט זיך אין „טשייקעס" צום אויסגוס פון דניעפּער
און שטורעמט קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ער פעכט א דועל מיט א הילצערנעם שווערדל
און „טאַקטיש" איז ער שוין געוואונען,
ווייל אָט גרייפט ער אָן, נאָר... אינמיטן דעם „שווערפּונקט"
פאַלט ער אריין אין א ברונעם.

דער ברונעם איז טרוקן און פלאַך ווי א מולטער,
מיט איין וואָרט — ס׳איז ווייט נישט מעסוקן.
דער טרעגער קאַלמיציק**) לויפט אָן ווּ׳אַ צעדולטער
און שלעפּט אים ארויס אַף א שטריקל.

און ברענגט אים צו טאָסקען דער מאַמען אין קלייטל:
„טויבעלע! ט׳אָט עץ דעם טאַכשיט!"
די מאַמע באַדאַנקט מיט א שמייכל א ברייטן,
און שענקט אים א שקאַרמיצל קאַרשן.

קאַלמיציק צעשפּרייט א קאָלירטע פאַטשיילע
און וויקלט די קאַרשן פאַמעלעך,

*) העלדן פון סענקעוויטשעס ראָמאַן „מיט פייער און שווערד".
**) אויטענטישע פאַרקירצונג פון צוויי נעמען — קאַלמען און איציק.

און לאָמט זיך אוועק מיט זיין טרעגערשן הוילער
און צופּט זיך דאָס בערדל דאָס געלע.

און מאָטעק, ער שטייט און ער וואַרט, אַז די מאַמע
זאָל עפּעס אים פרעגן, צי זאָגן.
ער וויל איר דערציילן דעם עמעס דעם סאַמען,
אַז „פּאַקטיש" ט'ער זיך נישט געשלאָגן.

ער האָט נאָר געוואָלט בלויז, דערציילט ער געלאַסן,
און ס'וועגן אין האַלדז אים די טרערן,
זען צי דיומאַ איז גערעכט באַם פּאַרפּאַסן
דעם דועל פון די דריי מושקעטערן.

ווייסט נישט די מאַמע, צי דיומאַ גערעכט איז,
צי איז סטאַם דער דועל נישט געראָטן,
זי ווייסט: זי וועט דאַרפן די הויזן פאַריכטן,
כאָטש ס'קען זיין — גערעכט איז גאָר מאָטעק.

5

איז די מאַמע, ווי אַ מאַמע, אַלע יאָרן
אַריינגעטאָן אין אונדז מיט אַלע כושים,
און מיר וואַקסן אין איר זון ווי גרינער קאָרן,
גרייט די וועלט אַרומנעמען און קושן.

איז די מאַמע ווי אַ לייבעכע אַ ווילדע,
זוען ס'וויל עמעץ אירע לייבעלעך פאַרטשעפּען.

איז די מאַמע ווי א הירשעכע א מילדע,
וואָס פירט די קליינע הירשעלעך אין נעפּל.

אַזוי בליען פינף פאַרשיידענע געוויקסן
אין דער מאַמעס אויסגעפלעגטן גאָרטן,
נאָר דאָס ג׳ראַטנסטע, דאָס שענסטע, און דאָס קליגסטע
איז געווען טאַקע אָט־דער מאָטל.

און כאָטש געווען איז יעדער קינד איר ליב און טייער,
„א שטיק באַרליאַנט״ אין אָרעם לעבן אירן,
אָבער מאָטעק איז דאָך עפּעס... ס׳איז נישט שאַיעך...
מאָטעק איז געווען דאָס שענסטע צירונג.

פלעגט די מאַמע אין די טרוימען אירע שטענדיק,
אין דער גראַקייט פון איר לעבן פון געפלאָגטן
זען, ווי מאָטעק האָט מיט מאַזל שוין „געענדיקט״
און געוואָרן איז מיט מאַזל שוין א דאָקטער.

באַם אריינגאַנג צו זיין שטוב א מעשן שילדל
גאָלדיק וועט באַקרוינען אירע יאָרן,
און ווי דאָס שילדל — וועט א גרויסע פרייד באַגילדן
דעם סאָף פון אירע פלאָגעכצער און צאָרעס.

אָבער ס׳שלאָפן אַרום פולאַוו לאָנקעס גרינע,
אויסגעשפּרייטע מיט א שמעקעדיקער ראַכוועס,
וואָס דערציילן גאָרנישט וועגן „מעדיצינע״
וואָס דערציילן נישט פון טרוימען וועגן נאַכעס.

וואַקסן וועלדער נאָדלשטעכיק און באַגראָזיקט,
ליגן פעלדער ווי געהאָפטענע טעפּיכער,
וואָס צעזינגען זיך מיט סערפּן און מיט קאָסעס,
וואָס צעבליִען זיך מיט פּויעריש־בונטע טיכער.

האָט דאָס פעלד מיט מאָטלען זיך געבאַוועוועט,
האָט דער וואַלד מיט מאָטלען זיך פאַרשטאַנען,
האָט ער איינגעשפּאַנט דעם קאָפּ דעם קוטשעראַוון
אין די גרינע ביכער פון באָטאַניק.

דורך די ברילן אַפן קורצן נעזל
קוקט ער אַף דער וועלט און שמייכלט פריינטלעך,
טאַינעט ער זיך אוים מיט יעדן גרעזל,
יעדעס בלימל האָט פאַר אים א קיינדל.

זאַפּט ער איין דעם גרויסן סאָד פון וואַקסן,
דעם סאָד פון זייען, און פון שניידן, און פון רעגן,
און ער וויל א וועלט אַף זיינע אַקסלען
אַוועקטראָגן דער רויטער זון אנטקעגן.

און ער כאָלעמט פון א וועלט, פון א באַנייטער,
אַ וועלט אַ זוניקער, אַ יאָנטעווודיקער, גרינער,
פון פעלדער גאָלד־באַגאָסענע און ברייטע,
פון טראַקטאָרס, און קאָמביינען, און מאַשינען,

פון ליבע, וואָס צעעפנט ברייט די אָרעמס
מיט א ליכטיקייט א צאַפּלענדיקער, נייער,

פון א ליד, וואָס שפּרינגט איבערן קאָרן
און לייגט זיך שלאָפן אויפן דאך פון שייער,

פון שעפּעדיקע פעלדער אומבאַצוימטע,
וואו יעדער קאָן דערנערן זיך און קאָרמיען...

— — — — — — — — — — — — —

ביז, געזאָגט האָט ער דער מאַמען א פאַרטרוימטער:
„מאַמע! כ׳וועל זיך לערנען אגראָנאָמיע”

6

ניין ווייסינקע מייזעלעך
אין ניין גלעזערנע טפּיסעס
האָבן די רויטינקע נעזעלעך
מיט נייגיר צו אים פאַריסן.

ניין ווייסינקע מייזעלעך
קוקן אַרויס פאַרשפּאַרטע
פון טפּיסעס פון די גלעזערנע
אויף מאַטלען אין ווייסן פאַרטוך.

וואָס וועט ער איצט פאַרטראַכטן?...
די מייזעלעך פּויזען און צאַפּלען,
זיי שפּיגלען זיך אַלע, פאַרמאַכטע
אין זייערע ברוינע שוואַרצאַפּלען.

ער וועגט איעדעם באַזונדער,
(די שעלעכלעך הענגען אַף קייטלעך)
באַטראַכט, פאַרצייכנט, באַוואונדערט
און כעשבנט געַנוי און דייטלעך,

און פלוצלינג הייבט ער די אויגן,
— גראַד בין איך אָנגעקומען —
האָט ער נאָך איינס אָפּגעוואויגן,
פון שאָל אַראָפּגענומען:

„— דאָס זאָגט ער — איז צו דערווייזן
דעם איינפלוס פון מינעראַלן
אַפן סיסטעם פון באַשפּייזונג
און... אַזוי איז עס טאַקע מיט אַלעם...

קוק זיך נאָר איין אין דעם מייזל,
ווי עס מאַטערט זיך און מוטשעט —
סע פעלט אים די זאַלץ אין באַשפּייזונג,
עס בייסט זיך אַליין ביז בלוט שוין...

און אַזוי איז עס אויך מיט מענטשן,
מיט אונדזער קעמפן און שטרעבן —
ווען ס׳פעלט אונדז דאָס געבענטשטע,
דאָס גייסטיקע זאַלץ אין לעבן.

און, סימכע, פאַרשטייי: אין ביאָלאָגיע,
דער טיפער לערע פון וואַקסן,

דערזעט מען ערשט די לאָגיק,
די אייזערנע לאָגיק פון מאַרקסן...״

ער שטייט און טראַכט אַ שטילער...
יאָ! ר׳האָט שוין אַלץ פאַרצייכנט.
קורצזיכטיק ווישט ער די ברילן
און קוקט מיך אָן, און שמייכלט:

„יאָ! — דערמאָנט ער זיך איילִיק
און נעמט פאַרלעגן שטאַמלען —
„איך האָב זיך נעכטן באַטייליקט
אין דער סטודענטן־פאַרזאַמלונג.

געווען דאָרט גענוג געשרייען
און טומלדיק און רױשיק,
און... הם... איך בין דער נייער
פאַרזיצער אין דער הויכשול...״

מיר שפּאַנען ביידע צוזאַמען
איבערן רױשיקן וואַרשע;
פאַר ד׳אויגן שטייט מיר די מאַמע
מיט אַ רויט שקאַרמיצל קאַרשן.

7

אונדזער מאַמעס נאָמען איז געווען טויבע
גראָ איז זי געוואָרן ווי אַ טויב.

צוגעראַמט דאָס שטיבל, ריין און זויבער,
און אַף שויבן פּערלט זיך דער טוי.

יעדער טאָג — אַ פרישער טאָג פון וואַרטן
אַף טראָפּנס פרייד פון בריוונטרעגערס הענט.
אַז נישט קיין בריוול, זאָל כאָטש זיין אַ קאַרטל,
אַבי אַ בסורע־טויווע פון דער פרעמד.

אויסגעוואַקסן זענען קינדער „קאַניינאַרע"
נישט צו שעמען זיך פאַר מענטשנס בליק.
פאַר דער ביטערער האָרעוואַניע און די צאָרעס
האָט זי כאָטש אַצינד אַ טראָפּן גליק.

ווער שמועסט נאָך, ווען פון מאָטלען איז דאָס בריוול —
גליקלעך בלייבט זי זיצן און פאַרקלערט,
און קוקט זיך איין מיט מאַמע־שטאָלץ און כשיוועס
אין זיין שפּאָגל־נייעם טיטל: „אינזשעניער".

און מאָטעק שרייבט: „איך הייב שוין אָן פאַרדינען,
מיט יעדן טאָג ווער איך אָלץ מער געניט,
און איך האָב דיך איעדן טאָג אין זינען,
כאָטש איך האָב אַ „באַרג מיט אַרבעט" פאַרן שניט.

און ווען איך וועל אַביסל געלט אָפּשפּאָרן,
וועל איך קויפן צוויי בילעטן אַף דער באַן,
און מיר ביידע וועלן דעמאָלט פאָרן
צום יידיש־וויטן לאַנד: בירָאבידזשאַן"...

ענטפערט אים די מאַמע: „אויב שוין פּאָרן,
וואָלט איך ערגעץ־אַנדערש גאָר געוואָלט.
און צי קענסטו נישט פּאַרזייען אויך דעם קאָרן
אין יידיש־וויטן לאַנד: „ערעציסראָעל?...״

קומט פון מאָטלען אָן אַ בריוו מיט טויזנט שמייכלען
אַז, אויב זי וויל אַזוי, טאָ זאָל זיין טאַקע „דאָרט״,
ווייל עס וועט סיווי אויך דאָרט דערגרייכן
דאָס זעלביקע, דאָס שטאָליק־רויטע וואָרט.

נאָר איצט האָט ער אַזוי פיל נאָך צו לערנען,
אַזויפיל סוידעס דאַרף ער נאָך דערגיין:
פון שפּראָצעכצן צעקנאָספּעטע, און קערנער,
פון אַקערן, און שניידן, און פּאַרזייי,

פון פּאַקריוועס, און קרייטעכצער, און פּיירעס,
פון שעפּסנצוכט, פון מילכוואַרג, און פון וואָל,
פון קי, וואָס שטייען שטיל און מאָלע־גיירען
אין זון־פּאַרגאַנג, וואָס טויוולט זיך אין גאָלד...

„און נאָך״ — דערמאָנט ער זיך צום סאָף פון שרייבן —
„פּאַראַן אַ מיידל דאָ, אין שטעטעלע לעם דאָרף,
און כ׳ווייס נישט וויאַזוי, דו מעגסט מיר גלייבן,
נאָר כ׳האָב אַנומלטן געגעבן איר מיין וואָרט.

און כ׳קלער צו ברענגען זי מיט זיך אָף ראַשעשאַנע
און זע אַליין ווי שיין זי איז און וואויל...״

הייסע טרערן פליסן אַף דער מאַמעס פּאַנעם,
טרערן ליכטיקע ווי פּערעלעך פון טוי.

8

די מאַמע האָט מער שוין קיין בריוו
פון מאַטעקן נישט געלייענט.
דאָס ליכטל געצאַנקט האָט, געטריפט,
און פאַרגאַנגען אין פּיין.

אין אַ פּראָסטיקער, פינצטערער נאַכט
געטריבן פון דייטש,
איז זי געפאַלן באַם שליאַך
אונטער דער בייטש.

האָט די שוועסטער קיין לעמבערג אַהין
געשריבן צו מיר,
אַז ס׳זאָלן כאָטש זאָגן די זין
קאַדיש נאָך איר.

זיצן מיר שטיל זאַלבעדריט
און שווייגן אין זיך,
און ס׳שוועבט צווישן אונדז אינדערמיט —
דער מאַמעס געזיכט.

סראָליק איז ווייסער פון קרייד
און קוקט אַף דער ערד,

און האָט שוין איצט מער נישט קיין רייד,
און האָט נישט קיין טרער.

און מאַטעק הערט איין זיך פאַרשטיינט
אין וואָיען פון ווינט,
און צעוויינט זיך אַ ביטער געוויין
ווי אַ פיצעלע קינד.

זיץ איך, און טרייסט אים, און האַלדז,
און גלעט אים דעם קאָפּ.
דער הימל צעשפּאַלט זיך, און ס'פּאַלט
די לעוואָנע אַראָפּ,

און ס'קייקלען זיך שטערן אין שניי
ווי גלאַנציקער מיסט,
און ס'וואַלגערט זיך אונדזער געשריי
אונטער די פיס.

9

ס'האָט מאַטעק געבויט דאָן קאַלכאָזן
מיט אייגענע הענט,
און אַפּסניי... אַף דער גרענעץ, צעבלאָזן —
אַ סרייפע ברענט.

ס'האָט מאַטעק געפירט דאָן אין געגנט
דעם „דערזשאַרטפּאַנד"...*)

*) מעלוכעשע פאַרזויי־סטאַנציע.

מיר האָבן זיך בײדע געזעגנט —
איך גײ אױפֿן פראָנט.

שטײ איך שױן גרײט צום אַװעקגײן,
די טרערן איך שטיק,
סירענעס רופן און װעקן,
עס רופט די ביקס,

און מאַטעלעס קינדישע אױגן
קוקן אױף מיר,
אין טרעריקע נעפּלען פאַרצױגן
גרינט מײַן מונדיר.

עס זשומען אין הימל מאַטאָרן
באַלאַדן מיט שרעק — — —
װײַטע פאַרגאַנגענע יאָרן
באַגלײטן דעם װעג:

סעדער מיט בליעכצער װײַסע,
דער פּאַרק איז צעבליט,
אַ ליבלעכע, אײגענע װײַסל
פליסט אינדערמיט.

און מאַטעק — דאָס קלײנטשיקע יאַטל —
האָט זיך מיר דערמאָנט.
איך קוש אים. מיט רױטע סאָלדאַטן
איך גײ אױפֿן פראָנט.

פארלאָשן די פראָנטן.

נאָך וואָגלעניש, מאַרשן,

אין מיט פון צעשטויבטן, צעריסענעם וואַרשע —

אַ שאָכן, אַ פּאָליאַק מיט מאָרדעם מיט פּעטע,

דערציילט מיר:

„דיין מאַטעק געווען איז אין געטאָ...

סראָליק, דער ברודער דער אַנדערער דיינער

געפאַלן אין לוואָוו נאָך, פון הענט פון אוקריינער,

און מאַטעק דורך וועגן געהיימע, פאַרביסן,

אַהער צו דיין שוועסטער האָט זיך דורכגעריסן.

דיין שוואָגער און דיינע פלימעניקעס ביידע

האָט מען דערשאָסן אין שטעטל דאָרט, איידער

עס איז נאָך אין געטאָ דער קאַמף אויסגעבראָכן.

איז דיין שוועסטער געקומען צו מיר, ווי צ׳אַ שאָכן —

איך האָב זי געשפייזט און געגעבן איר קליידער;

מיין ווייב האָט די שכיינים געזאָגט: אַ דינסטמיידל...

אָבער... דו ווייסט דאָך... די ציימן געביטן...

ס׳איז שווער זיך פאַר שכיינישע צינגער צו היטן...

איך... נו, פאַרפאַלן... אַ פריינט און אַ שאָכן,

איך האָב דאָך געקאָנט אייער גאַנצע מישפּאָכע —

אָבער דאָס פאָלק אונדזערס ליידט נישט קיין יידן...

וואָס קאָן מען טאָן?... נו, איר זייט אונדז דערווידער...

איז האָט מיר אַ שאָכן געדראָט מיט „פאַרשיטן"

אויב כ׳וועל באַ זיך אַ „זשידאָווקע" אויסהיטן...

און דעמלט, עס איז שוין געגאַנגען צו זומער,

פון לעמבערג דיין מאַטעק איז גראַד אַנגעקומען.
זיי האָבן אין געטאָ זיך ביידע פאַרקליבן,
נו... און זיי זענען דאָרט ביידע... פאַרבליבן...
וואָס קאָן מען טאָן? ס'איז שווער דיך צו טרייסטן,
גאָט זאָל אין שוץ נעמען זייערע גייסטער
און יעזוס, געהייליקט זאָל ווערן זיין נאָמען,
דערלייזן פון זינד זאָל די שטילע נעשאָמעס..."

— — — — — — — — — — — — —

11

אַ ווייסער, צוויאַקישער שניי
פאַלט פון גראָען הימל,
פון וואָלקנס — צעקראַכענעם בליי
באַשמוציקט און באַשימלט.

דער שניי איז מיקלומערשט ריין
ווי אַלע מאָל, ווי געוויינלעך —
אָבער וואו ס'איז מיין געוויין,
דאָס ווייס איך שוין אַליין נישט.

אָבער וואו איז איצט מיין טרער?
מיין יאָמערן און מיין קרעכצן?
איך פיל: עס טראָגט מיך די ערד
אַן איינציקן, אַ לעצטן,

און פּוסט בין איך, און הויל,
אָבער... עס ווילט זיך נישט שטאַרבן...
עס פּלאָנטערט זיך און קנוילט
אַ פּערז אין צעבראָכענעם שאַרבן.

גיי איך אַרום, ווי אַ נאַר,
דער פּראַקטיקער וועלט אַנטקעגן,
און זוך אַ פּיצעלע האַרץ
אַף אַלע ווייטע וועגן.

האַלט איך מיין ליד אין די הענט —
אַ שוואַלב מיט צעבראָכענע פליגל,
וואָס צאַפּלט אַרום נאָך פאַרבלענדט
צווישן די וואַרשעווער ציגל.

די וויוגע וואָיעט און לאַכט
פון מיינע נאַרישע טרערן,
עס כויזעקט פון מיר די נאַכט
מיט פאַלשע, קינסטלעכע שטערן.

און נישטיק איז אויך מיין וואָרט
צווישן די הייליקע קוואָרים...

— — — — — — — — — — — — —

...מיין ברודער, מאָרדכע־וואָלף
ליגט אין מיינע אָרעמס.

# אונטערוועגנס באַנאַכט

1

עפּשער ווילט איר וויסן, ליבע פריינט
וואָס מיינט אַרומגיין מיטן נעכטן אינדערפינצטער?
קומט מיט מיר. מיין עקיפּאַזש איז גרייט
און ס׳וואַרטן שוין די נאַכטיקע געשפּענסטער.

איר זאָגט, אַז ס׳איז אַן אָנגענעמער אָוונט
נאָר מאָרגן דאַרפט איר אויפשטיין צו דער אַרבעט,
אַז צייט איז שוין אין וויכן בעט צו שלאָפן
און כאָלעמען פון פרילינגדיקע פאַרבן.

און עפּשער איילט איר זיך, ווייל איר ווילט טאַקע
נאָך היינט דעם טאַם פון בעט און פלייש פאַרזוכן,
צום טאַקט פון זייגערס שטילינקע טיקטאַקן
צעוואָרפענע אין שלאָפצימער ווי פוכן.

ס'אַ גייט געזונטערהייט. ס'איז ווירקלעך שפּעט שוין,
און ס'וואַרטן היינט אויף מיר די ווייטע וועגן.
ניין! סע לוינט אייך נישט מיין האַנט צו קוועטשן,
ניין! סע לוינט אייך נישט מיין וועג צו פֿרעגן.

מיין וועג איז אַזאַ ווייטער, נישט דערקענטער,
אַ טראַקט איז טויזנט מייל, און יאָרן — אויגנבליקן.
אַט קען איך אייך צום ביישפּיל פֿון קאָריענטעס —
גלייך אַריינפֿירן אויף נאַלעווקעס און דזשיקע.

צו וועמען רעד איך? שוין אַוועקגעגאַנגען אַלע.
גלייכער, גלייכער. אין אַ מאָזלדיקער שאָ!
היי, ווינטן! לאָמיר גלייך דעם וועג באַפּאַקן
מיט אַ שניידיק-ווייטיקלעכן: וויאָ-אָ-אָ!!!

2

לויפֿט פֿאָרויס אַ גרינער ווינט
גלעקלעך דינע אָנגעהאָנגען:
קליפּ-קלאַפּ-קליפּ
„ביסט מיר ליב!"
קלינגט אים צוריק די גרינע לאָנקע.

שוועבט אים נאָך אַ ראָזער ווינט
מיט אַ קראַנץ פֿון רויטע מאָנען,
טראָגט אין פּיסק
אַ זילבער-דיסק
פֿון דער גלאַנציקער לעוואָנע.

פליוש און זייד — דער בלאָערווינט
קושט און גלעט די ווייכע גראָזן,
אויסגעשפּינען
און צערונען
בונטע, רונדע זייפן־בלאָזן.

ברוינע ווינטן, טראַט־נאָך־טראַט
טריט געמאָסטענע און גלייכע
ביקס־באגנעט
טרעט און טרעט
דעם בויך פון מאמע ערד דעם ווייכן.

אַ־הו־הו!... אַ רויטער ווינט!
פונקען שפּריצן פון זיין אָטעם,
טאַם־טאַ־ראַ־ראַם!
פּלאַקער פּלאַם!!!
פויקט אַ סרייפע אַף זיין זאָטל.

גראָע ווינטן, נעפּל קנויל
אין צעשוועבלטע מישמאַשן,
און עס טראָגן
זיך און יאָגן
שטיקנדיקע שווערע אַשן.

פייפט אַ ווינט, אַ שוואַרצער ווינט
מיט אַ פּלאַטערדיקער גריוועס:
האָפּ־גאַלאָפּ!

און אױף זײַן קאָפּ
אַ מיליאָנענדיקע שיװע.

3

זענען די װינטן געשפּאַנט
צו אַ לאַנגער, אַ ריזיקער באַן,

און ס׳קלאַפּט אױס דער לאָקאָמאָטיװ
אַן אַמאָליקן, װײַטן מאָטיװ:

אײַ — ליו ־ ליו — ליו
זונעניו!
מאַך זשע צו די אײגעלעך
שלאָפֿן שױן די פֿײגעלעך
שלאָפֿט דאָס װײַסע ציגעלע
שאָקל איך דײַן װיגעלע
אײַ ליו ־ ליו — ליו
זונעניו!

אױף טעלעגראַפֿישע דראָטן
צעװאָרפֿענע טענער װי נאָטן,

פֿאַלן װי בינען אין גערטנער
אױף קעפּ פֿון צעקנאָספּעטע װערטער:

ווי גוט איז צו זיין שטאַרק און יונג
און וועלן, און וואַקסן און שטרעבן
און לעקן דאָס זאַלץ פונעם לעבן
מיט אייגענער, קעלבערנער צונג!

דערמאָנען, דערמאָנען, דערמאָנען
רויטע בעהיימע־וואַגאָנען,

מיט פענצטער און טירן פאַרקראַטעט
מיט רעדער פאַרסאַפּעט, פאַרמאַטערט:

מיר האָבן, מיר האָבן, מיר האָבן,
שוין לאַנג דיין געלעכטער באַגראָבן.
אין אונדזערע הילצערנע בייכער
ליגט איצטער געשאָכטן דיין שמייכל,
מיר, אָנגעשטאָפּטע מיט קינדער
מיט מאַמעס, מיט גאַנצע געזינדלעך,
מיט מיימים אין ווייסע טאַלייסים
מיר ווייסן, מיר ווייסן, מיר ווייסן...

פון יאַמעס באַם וועג אויסגעגראָבן
גאַנצע כאַליאַסטרעס מיט ראָבן,

כאָרכלען און שפּייען און כראַקען
און פּאַטשן מיט פליגל און קראַקען:

קרא — קרא — קרא ־ א ־ א !
א שיינע צייט אזא!
ווי גוט איז, ווי שיין און ווי גוט
צו לעקן ס׳פארגליווערטע בלוט,
צו פּיקן ווי קרעלענע שנירן
ווייכע באַטאַמטע געהירן,
אין אַן אָפענעם בויך טאָן א נישטער
און טאַרליען אין בלאָטע א קישקע,
מיט שארפן, פארשפּיציקטן שנאָבל
צו פליקן, צו פּיקן, צו גראָבן,
א שיינע צייט אזאַ!
קרא ־ קרא ־ קרא־א־א !

4

געדאנקען, געקנופּט און געבונדן אין איין קאַראַוואַנע
גייען אָפּ צוריק,
און ס׳בינדט זיך, עס פלעכט זיך, אין ווייטע טומאַנען
שטילע מוזיק.

און וואקסט און פארגייט זיך, און רייסט די נעשאָמע
און קלאָגט אינדערשטיל,
און פלוצלינג זי וועקט, און זי רופט דיך באם נאָמען
און רוישט ווי א מיל.

און שטייגט אלץ אריבער, און פּויקט און טרומייטערט
און הילכט און פארטויבט,

צעפלאָסן, צעשוואומען, צעוואקסן, פארברייטערט
און הייבט זיך, און הייבט.

געשוואָלענער שטורעם צעשרייט און צעשאָלט זיך
מיט צאַר, מיט וויי,
געפלאצט איז דאָס טויער, צעעפנט, צעפראלט זיך
און אָט איז מיין היים!

5

קומט אנטקעגן מיר אן אָונט אן אמאָליקער
א צעשפּילטער אין עלעקטרישע נעאָנען,
אַ צעהאַצקעטער אין געסעלעך אין שמאָלינקע
א צעקלונגענער מיט טויזנט קלאַקסאָפאָנען.

קומט אנטקעגן מיר א מאָרגן א צעזונגענער
מיט גאסן־הענדלער אין די טוכלע הויפן,
מיט פרישן ברויט, וואָס היימיש איז און אָנגענעם
מיטן פרישן טוי, וואָס פערלט זיך אף שויבן.

קומט אנטקעגן מיר א טאָג, א זוניק־היציקער
א פארטרונקענער אין יאמען פון גערוישן,
א צונויפגעגנייטער פון א מענגע פיצעלעך —
פרייד און צאָרעס, קליינטשינקע און גרויסע.

קומט אנטקעגן מיר א טראמוויי א צעלאָזענער
אַ רויטער, א צעפישטשעטער, צעוויגטער,

און איך הוידע זיך אין העמד אין אויפגעבלאָזענעם
מיט איין פוס בלויז א פּאַרטשעפּעטער אָן שטיגל.

קומט אנטקעגן מיר א מארק א רוישיק-שומיקער
מיט הענדלערקעס וואָס ליאַרעמען און זינגען,
און איך עטעם איין דעם טומל דעם אַרומיקן
די אויסגעבענקטע לופט אין מיינע לונגען.

קומט אנטקעגן אלץ וואָס פאר די אויגן מיר
געהאָנגען איז אין ענדלאָז-ווייטע מארשן,
און צו מיין שטערן לייגט א האנט אן אייגענע
צו, דאָס אלטע, אויסגעטרוימטע, ווארשע.

6

גיי איך מיר אַרום אָף נאַלעווקעס און מילע
און כ׳וויים אליין נישט, וואָס איצטער צו טאָן.
לויפן יאַטן מיט א פרייד, מיט א געדולע —
זיי גרייטן זיך איצט אויפהענגען א פאָן.

זאָגט איך: „יאַטן, כ׳לויף מיט אייך צוזאמען!"
פויקן יונגע פיס אָן טראָטואַר,
א פאַרזאָרגטע קומט פון ערגעץ אָן מיין מאמע
„ניטע, סימכע, זיי זשע ניט קיין נאַר!"

גיב איך בלויז א פייף מיטביידע פינגער —
און צערונען ווערט מיין מאמע מיט א קרעכץ.

און איך טראָג זיך אַ צעבריקעוועטער, גרינגער
איבער שפּרינגענדיקע טעג־און־נעכט.

מאַכט זיך טיילמאָל: שטייט אין וועג אַ „מיליץ".
נו, איז וואָס זשע, כ'האָב אים דען געהייסן שטיין?
נעמען מיר אַ מאַיסע אים דערציילן
מיט „געפילטע פיש און רויטן כריין".

„סימכע האָט אַ הענטל" — זאָגן יאַטן
— „נאָר אַ מיליץ זאָל געפּרוּווט זיין מיט זיין האַנט"
און איך וואַלגער זיך אין די קאָמיסאַריאַטן
און איך דראַפּע דאָרט מיין נאָמען אויף דער וואַנט.

אָבער ס'הענגט פון זשומענדיקע דראָטן
אַ באַנאַכט־גענייטע רויטע פאָן,
און ווי אַ קנויל אונטערן רעקל איינגעקנאָטן
בליט זי אויף מיין האַרץ ווי רויטער מאָן.

7

די ווייסל איז שטיל און פאַרכאָלעמט
דער אָוונט איז בלאָלעכער זייד,
דו וועגסט אין צוויי זילבערנע שאָלן
דעם סאַמעט פון מיינע רייד.

עס פליעסקען די וועסלעס געלאַסן
צוויי שיקער־אָנמעכטיקע הענט,

וואָס קלאַמערן זיך אָנעם וואַסער
פאַרציטערט, פאַרבליפּט און פאַרבלענדט.

א בוים האָט צום שלאָפן צעלאָזן
די גרינע צעהוידעטע צעפּ,
און ס'קריכן אַף טייכיקע גראָזן
די שאָטנס פון אונדזערע קעפּ.

איך זאַפּ אין מיר איין טיף דיין אָטעם
מיר זיצן דאָך איצט אזוי נאָנט,
און ס'האָט ארום אונדז זיך צעשאָטן
א דין־סעלעדינענער מאָן.

כ'בין פול מיט דיין מיידלשן רייעך
איך קריץ אין מיר איין דיין געשטאַלט,
און פליטערלעך ליכטיקע שמייען
ארום דיין מאַרעלענעם האלדז.

עס פאלן דורך גאָלדענע זיפּן
די שטערן אראָפּ צו אונדז שטום,
דו טראָגסט מיר אנטקעגן די ליפּן
א נאכטיק־צעוויקלטע בלום.

8

דרייסט זיך צום הימל א רויטער, פאַרסאַזשעטער קוימען
און שיקט צו די וואָלקנס שטאָפּעטן פון גראָלעכן רויך.

רייסט זיך א שניידיקער פייף, און האקט איבער כאלומעס
וואס האבן אין מיט פון די וואלקנס געשוועבט אינדערהויך.

צעשפאלט זיך אין צווייען דער שווערער, דער אייזערנער טויער
און ס׳גיסט זיך אריבער דאס מענטשלעכע, גראלעכע מיסט,
אט שטיי איך שוין הויך מיט די פלייצעס געווענדעט צום מויער
און פיל צוויי אנטשלאסענע אקסלען פון אונטער די פיס.

אט שריי איך שוין הויך מיט א שטים א צעוואלגערטער, גראבער
אט כאפט שוין דער עכא די ווערטער און קייקלט זיי ווייט:
„כאוויירים, ס׳איז מארגן דער יארטאג פון גרויסן אקטאבער
קומט אלע ווי איינער צום יאנטעוו פון אונדזער פארטיי!"

און ארבעטער קייען די ווערטער די הייסע פאמעלעך
און ס׳כמורעט זיך פיינטלעך די שווערע, די גראע פאבריק,
און ס׳עגבערט מיין פאנעם פון אונטער די ברעמען די געלע
מיט אויגן איראניש-פארזשמורעט פונווייטנס א שפיק.

9

טאנצן אויסיעס אף שילדן
קלינגען שילדן אין די גלאקן
ווי א בינשטאק רוישט און שוימט
די געפאקטע פולע גאס.
אין געווימל, אין געפילדער
שרייען הייזער, שרייען שטאקן
שרייט דער שטיין-פארפולטער רוים
מיט א שמאלן הימל-פאס.

אָנגעשטאָפּט און אָנגעשוואָלן
פּלאצן פּאָליצעס פון סכוירעס
פול מיט מיסכער איז די לופט
פול מיט כעשבן, פול מיט מי.
רייסן ציפערן די פּאָלעס
איינע איז די צווייטע דוירעס
יעדע ציפער שרייט און רופט
יעדער מויעך ראַק ער פליט.

קלאפּן, קלאפּן שרייב־מאשינקעס
כאפּן צאָלן רעכנמייסטערס
אויסגעלייגט אפן פּאפּיר
און פּארדרייט אן אונטערשריפט,
און רעקלאמעס ווינקען, ווינקען
זוכן, נישטערן אין טייסטערס
יעדעס פענצטער קאָקעטירט
מיט א גאָלד־געצוקטן שריפט.

און אינמיטן,
אין סאַמע פּארפּלאָנטער
פון אלע געדראנגען —
געפין איך אן אלטן באקאנטן:
אַ בליק אַ באנגן — — —

און אינמיטן,
אין סאמע געדיכטן
פון שפּינוועבס פון דראָטן —

באַנעם איך דאָס אומגעריכטע:
א הארץ אין שאָטן — — —

און אינמיטן,
אין סאמע פארקנווילטן
מיט נעפּל פארצויגן —
דערפיל איך ווי גליאיקע קוילן:
יידישע אויגן — — —

## 10

### א.

היי, שטעל זיך נאָר אָפּ א ווייל, געצל!
דערקאָנסטו מיך טאָקע נישט מער?
כ׳וויים, ביסט פארנומען, נאָר הער,
קום מיט מיר צו צו דעם „פלעצל״.

איך האָב זיך פארבענקט נאָך די יאָטן
מאמעש, דו זעסט דאָך, כ׳גיי אוים.
וואָס? קומסט איצט פון טפיסע ארוים?
און האָסט מוירע צו גיין מיט א „בלאטן״?

נו, זיי זשע נישט געצל קיין שוטע!
דו ביסט שוין סיווער בא זיי טרייף,
זינט האָסט זיך דאָרט „איינגעזייפט״
אלס ריכטיקער, עמעסער רויטער.

ב.

מיט געצלען גיי איך צוזאמען, איבער קראָכמאַלנע געסל
ווי אייגענע נעמט אונדז אויף דאָס גאנצע היימישע „פּלעצל".

יידענעס רוישן ווי שטענדיק, יידענעס זשומען ווי בינען,
זיי שרייען צו מיר אַריבער, פון איבער א קויש מיט ציטרינען.

קינדער מיט אַלטע געמיטער, קינדער זיך פּאַטשקען אין בלאָטע
קינדער וואָס קענען דעם הימל, נאָר א פארצוימטן מיט דראָטן;

און ס'קומען פּאַמעלעך ארויס, ווי בערן פון ווינטער געלעגער
מיינע בעסטע כאַוויירים: פּאַרסמאַליעטע קוילנטרעגער;

און פלייצע־טרעגער, וואָס האָבן אַף זשימנע זייער „פּליאַצואַווקע"
און ברומען שטאָלץ ווען זיי הערן: דאָס גייט זי די רויטע
„באַיואַווקע";

מיט וואַנצעלעך דינע און שווארצע, קומען צוגיין די פריזירער
זיי שטייען פאר מיר און שמייכלען, די „הארץ־ברעכער און
פארפירער";

אָט קומען די שלאָסערס און טאָקערס, אָט קומען טאַפּעטן־קלעפּערס
אָט קומען די אייביק פארהוסטע, מיט צויטן באהאָנגענע וועבערס;

אָט קומען בליאכארעס פעסטע, מוליארעס, זדונעס און טעפּערס
צעשויבערטע ברייטע שוסטערס, און דארע קאמאשן־שטעפּערס;

אָט קומען די בלייכע בעקערס, אָט קומען סטאָליארעס בייזע
און שניידערס: פּרעסערס און נייערס — „אמכאָ, שער און אייזן"!

אָבער אום גאָטנס־ווילן, וואָס איז געשען מיטן „פּלעצל"?
עס וואַקסט און שפּרייט זיך פונאַנדער, עס פּלאַצט און האַלט
באַם צעזעצן,

עס גיסט זיך צוזאַמען מיט וואַליע, עס וואַקסט זיך צוזאַמען
מיט שליסקע
גענשע שלעפּט שוין דעם „אָקאָפּ", סטאַוקעס צוזאַמען מיט ניסקע,

דער „פּאַוויאַק" געפּלאַצט איז אין צווייען, און ס'שטראָמט
פונדערוויטנס מאָקאָטאָוו
סירענעס פּייפן און רופן, און ס'פליסט ווי א לאַווע אָכאָטע,

עס לויפן איבער דער ווייסל פון גראָכאָוו אַלע פאַבריקן
פראַגע פאַרפלייצט די גאַסן, פּראַגע פאַרפלייצט די בריקן.

פון אַלע גאַסן מאַרשירן, מיט שווערן טראָט ווי סאָלדאַטן
וואַרשעווער יונגע כעוורע, יידישע וואַרשעווער יאָטן.

יאָטן געבוירן אין קעלערס, יאָטן פון הויכע שטאָקן
יאָטן וואָס זוכן שטערן אין שוואַרצן שמוץ פון רינשטאָקן,

יאָטן מיט שאַרפע רייד, יאָטן מיט גאָלדענע הערצער
יאָטן מיט בלאָע טרוימען, און מיט אומגעלומפּערטע ווערטער,

יאָטן דערצויגן אין בלאָטע, יאָטן אין דאכקעס געבוירן
יאָטן מיט פלינקע הענט, מיט שפּיציקע אויגן און אויערן

יאָטן וואָס קלעפּן בלעטלעך, אונטער א האָגל פון שאָסן
יאָטן וואָס זוכן דעם סוינע, פון ווארשע ביז סאַראַגאָסאָ — — —

זיי גייען ווי אָף יאָנטעוו, זיי קומען ווי צו א מיטינג...
— — — — — — — — — — — —
ווי שפּארן אלץ נענטער און נענטער, זיי זענען אזוי געביטן,

זיי טראָגן זיך ווי די פלאַמען, פון אונדזער אוראַלטן דאָרן
און יעדער טראָגט אין זיין האנט — א ליכט פון פארשניטענע יאָרן,

און יעדער האָט אפן פּאָנעם א בלוטיק פארגליווערט שנירל
פון שארבנס רינען די ווייסע, מיט בלוט באַזוימטע געהירן,

אָט גייען פארפרוירענע יאָטן — מיט אָפענעם מויל ווי צום שמייכל
אָט גייען געהאָנגענע יאָטן — אָף העלדזער א בלאָער צייכן,

זיי שטעקן צו מיר ארוים געשוואָלענע בלאָע צינגער
זיי הויבן צו מיר די הענט מיט אויסגעבראָכענע פינגער,

אָט גייען פארשמיסענע יאָטן מיט אויפגעשפּרונגענע ריפּן
ווייסע פאַרשטשירעטע ציינער צערייסן די בלאָע ליפּן,

יאָטן צעפליקטע מיט אייזנס, מיט רוקנס אָף שטיקער צעבראָכן
מיט טריפנדיק־רויטע לעכער — די אויגן אויסגעשטאָכן,

יאטן דערשטיקטע אין פלאמען, מיט הענט און פיס געפּענטעט
מיט לייבער אין קרעציקע וואונדן, מיט לייבער אף קויל פאַרברענטע.

זיי שפּארן אלץ נענטער און נענטער, זיי שטראָמען פאָרויס און פרעסן
זיי פרעגן מיך צי ס'איז עמעס, אז כ'האָב אָן זיי פארגעסן,

און אויב ס'איז נישט מער ווי א ליגן, ווילן זיי דאָס טאקע וויסן,
פאַרוואָס האָב איך ביז אהער קיין קריע נישט געריסן?

פארוואָס בין איך ביז אהער קיין שיווע נישט געזעסן?
פאַרוואָס איז ליכטיק מיין טאָג און נישט אונטער זיבן שלעסער?

פארוואָס האָב איך מיין קאָפּ מיט אש נאָך נישט באשאָטן?
פאַרוואָס האָב איך מיין שמייכל אף שטויב נאָך נישט צעטראָטן?

פארוואָס האָב איך די זון מיט שווארצנס נישט פארפלאָסן?
פארוואָס האָב איך דעם סוינע מיט בלוט נאָך נישט באגאָסן?

צי האָב איך אויסגעברענט, מיט פייער זייערע נעמען?
צי געדענק איך דאָס, אז כ'בין — דער לעצטער נעקאָמע־נעמער?

די פראגן פאלן ווי שטיינער, די פראגן פאַטשן אין פּאָנעם
די פראגן ווערגן און שטיקן, די פראגן מאָנען און מאָנען,

די פראגן שניידן ווי מעסערס, מיין ברוסט איז געפּאלמעסט,
צעגלידערט
די פראַגן שלאָגן ווי פויסטן, די פראגן ווארפן אַנידער,

די פראַגן ברענען און בראָטן, די פראגן גליען און בריען
איך דריי זיך אין שטויב ווי אַ וואָרעם, איך שטיי שוין פאר
זיי אף די קניען.

איך ליג שוין אין ייעש געבאָדן, לעבעדיק ליג איך אין קיווער
און כ׳קוק אף מיין הארץ, ווי עס צאפּלט — א לעבעדיק-רויטע
מאַציווע.

# אַ מעשׂה מיט אַ ווייסן האָז
# און אַ קליינטשיק ייִנגעלע

די סאָסנעס און דעמבעס שווייגן
אין אַלטן, אַלטיטשקן וואַלד
און ס'ציטערן, ציטערן צווייגן
ווייל ס'איז זיי, נעבעך, קאַלט.

די גראָזן, מיילע, ווי גראָזן —
זיי שלאָפן אונטערן שניי,
אָבער די ווייסינקע האָזן
אַז ווינד איז צו זיי און וויי!

זיצט אַזאַ האָז אַזאַ ווייסער
געפרוירן און האַלב פאַרשטאַרט
און זוכט, אַ קאַשע אָף אַ מעשׂה,
מיט וואָס צו דערכאַפּן זיך ס'האַרץ;

און קומט אָפּ מיט זוכן און וואַרטן
אַ גאַנצן ווייסינקן טאָג

און אונטערן גריבל באַם האַרצן
דער הונגער ראַק ער נאָגט.

און טאַקע אַזוי אומגעגעסן
פאַרדאַיגעט און פאַרטראַכט
פּרואווט ער דעם הונגער פאַרגעסן
און שלאָפן כאָטש באַנאַכט.

און פּלוצלינג, טריט אינדערפינצטער
און ס׳כאַפּט זיך אויף אונדזער האָז
און אַ פאַרציטערטער שפּרינגט ער
מיט סאָפּליעם אייז אָף דער נאָז,

מיט אויגן און אויערן פאַרשפּיצטע
מיט וואָנצעס שפּיציקע צוויי
פּרואווט ער דערגיין, ווער ס׳קען איצטער
וואַנדערן איבערן שניי.

הערט ער, ווי ס׳ציטערט און פלאַטערט
צווישן די צווייגן דער ווינט
און צווישן די ביימער פאַרמאַטערט
בלאָנקעט אַרום זיך — אַ קינד.

האָט שוין דער האָז נישט קיין מוירע
ווייל קינדער זענען דאָך גוט
לאָזט ער אַראָפּ צריק די אויערן
און נעמט זיך אָן מיט מוט,

און נאָר מיט א צוויי־דריי שפּרייזן
פאַרלויפט ער דעם קינד דעם וועג
און אפן שניי אפן ווייסן
באַזעצט ער זיך אַף זיין עק.

קוקט דאָס קינד האַלב פאַרשלאָפן
צי איז עס א כאַלעם צי וואָר
און זאָגט אים: האָזל, גוטנאָוונט!
ענטפערט דאָס האָזל: גוטיאָר!

דער האָז האָט יידיש פאַרשטאַנען
ווייל אונטערן וואַלד, באַם שליאַך —
אַ שטעטל אַ קליינס איז געשטאַנען
מיט יידן אַ סאַך, א סאַך...

און ס'פלעגן די קינדערלעך קומען
צוגאַסט אינעם וואַלד אַריין
און אָנרייסן אָרעמס מיט בלומען
און לויפן צוריק אהיים;

און טיילמאָל פלעגן זיי שמייען
און וואויזוען און לאכן אַזוי
אז הינטער די צווייגן פאַרטייעט
מיט אָפענע אויערן און מויל,

געזעסן זענען די האָזן
פון גאַנצן גאַנצענעם וואַלד

און ס׳פלעגן די ווינטן צעבלאָזן
דעם קינדישן ליאַרעם און גוואלט.

נאָר דאָס איז געווען נאָך מיט יאָרן
מיט לאנגע יאָרן צוריק
נאָך איידער עס זענען פארפאָרן
די טאַנקען איבער דער בריק,

נאָך איידער עס זענען געקומען
סאָלדאטן מיט שווערע פים
וואָס האָבן צעטרעטן די בלומען
וואָס האָבן צעטרעטן דאָס גרינס;

נאָך איידער עס האָבן די פלאמען
דאָס קליינטשינקע שטעטל פארברענט
נאָך דעמלט, ווען ס׳זענען געשטאַנען
נישט נאקעטע קוימענס, נאָר ווענט.

פון דעמלט אָן פלעגט שוין קיינער
נישט זינגען אין וואָלד אַצינד
נאר טיילמאָל פלעגט קומען און וויינען
אין אַלטיטשקן וואָלד דער ווינט;

און ס׳פלעגט דער ווינט מיט זיך טראָגן
אױף פליגל צעשפרייטע צוויי
אַ מאַמעס יאָכצן און קלאָגן
א קינדיש פאריאָסעמט געוויין.

דעריבער האָט ס׳האָזל דערפרייט זיך
דערזעענדיק איצט אינעם שניי
אַ פריינט פון אַמאָליקע צייטן
וואָס האָט זיך באַוויזן אַפּסניי;

האָט טאַקע דער האָז אַ דערפרייטער
זיין ליבן גאַסט דערלאַנגט —
אַ שאָלעם־אַלייכעם אַ ברייטן
און געשטופּט אים זיין לאַפּקע אין האַנט,

און אויסגעפרעגט אַלעם צוזאַמען:
וואָס הערט זיך אין שטעטל באַם שליאַך?
און וואָס מאַכן דאָרט טאַטע־מאַמע?
און די שוואַלבן פון אונטערן דאַך?

און פונוואַנען האָט ער זיך דערנומען
באַנאַכט אינעם וואַלד אַליין?
און טאַקע ווען אַלע בלומען
שלאָפן שוין אונטערן שניי?

דער יאָט האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט
דער יאָט האָט גאָרנישט געוויינט
אַלעם פאַרענטפערט באַזונדער
אַלעם באַזונדער דערציילט:

...אַז ס׳זענען די שוואַלבן נאָך האַרבסט
אין ווייטע מעקוימעס אַוועק

דער דאַך איז פאַרקוילט און פאַרסאַרפּט
און פּוסט איז די גאַס און דער וועג,

אז ברוינע סאָלדאַטן האָבן
דעם טאַטן געשלאָגן ביז טויט
און ס'האָט אים די מאַמע באַגראָבן
באַנאַכט אונטערן פּלויט,

און ס'האָבן די ברוינע סאָלדאַטן
מיט שרעקלעכע, שרעקלעכע קלעפּ
די מאַמען געמוטשעט, געמאַטערט
און ערגעץ ווייט פאַרשלעפּט.

דעריבער אין נאַכט שאָען שפּעטע
וואַנדערט ער איבערן וואַלד
ער האָט נישט קיין שטוב און קיין בעטל
און ס'איז אים זייער קאַלט — — — —

דאָס יינגעלע האָט נישט געשריגן
דאָס יינגעלע האָט נישט געוויינט
ר'איז רואיק געבליבן ליגן
אין ווייסן און ווייכן שניי.

ער האָט נאָר באַם האָזל געבעטן
ער זאָל אים כאָטש איין מאָל
זינגען, ווי ס'פּלעגט באַ זיין בעטל
זינגען די מאַמע אַמאָל.

דער האָז האָט געקוקט אפֿן יאַטל
און כאָטש ר'איז געווען מיד
און כאָטש ר'איז געווען פֿארמאַטערט
געזונגען האָט ער אים א ליד.

צוערשט פֿון א שטילער באַס־מאלקע
וואָס טרויעריק זי איז און בלייך
דערנאָך פֿון א שיינער רוסאַלקע
וואָס וואוינט אין בלאָען טייך;

פֿון א הייזל פֿון צוקער־קאנדל
וואָס שטייט אין וואלד אינדערמיט
און פֿון „ראָזשינקעלעך מיט מאנדלען"
און פֿון עפּלבוים וואָס בליט.

דער וואלד איז געשטאַנען פֿארכידעשט
דער וואלד איז געשטאַנען וואך —
ווייל דאָס ליד איז געווען יידיש
דאָס ליד אינמיטן דער נאכט.

און סהאָט דאָס ליד אָף די פֿליגל
גענומען דער פֿלינקער ווינט
און האָט זייביידן געוויגלט
דאָס האָזל מיטן קינד.

און אזוי איז דאָס יאָטל אנטשלאָפֿן
דאָס יאָטל מיטן האָז

אין ווינטערדיק־ווייסן אָוונט
שלאָפנדיק נאָז־באַ־נאָז.

און דער ווינט, ער פליט אלץ און וואנדערט
טראָגנדיק איבער דער וועלט
די „ראָזשינקעלעך מיט מאנדלען"
די ציטערדיקע פון קעלט.

און וואו נאָר א יידישע מאמע
וויגט א יידיש קינד
קומט ער אף לאַפּעס פון סאמעט
דער פלינקער און שטילער ווינט,

און אומדערזען און פארבאָרגן
שטייט ער אין שטוב אינדערמיט
און זינגט ביזן סאמע מאָרגן
דאָס שיינע יידישע ליד.

# אינהאַלט


סימכע סנע (פּאָרטרעט) פון ז. וויינפּער — 5
⁂ פון סימכע סנע — 15

**באַ מיר איז עס אַזוי...**

בלעטער אַפן ווינט — 19
מיין ליד — 21
פרעג מיך נישט!... — 23
באַ מיר איז עס אַזוי... — 24
אַ בריוו קיין קפאַר גילאָדי — 26
דאָס נעגער־ליד פון ריאָ דע זשאַנעיראָ — 28

**אַפן וועג שטייט אַ בוים...**

פולאַווער סאָנעטן:

I. לאַג־בעאוימער — 31
II. כאַנעקע — 32
III. דער מעשוגענער לייבוש — 33
IV. אין פּאַרק — 34
V. פרינץ טשאַרטאָריסקי — 35
VI. וועננוס — 36
VII. די ווייסל — 37
VIII. דער וואָקזאַל — 38

א ליד אָן א נאָמען וועגן א קינד אָן א נאָמען — 39
אַטאַק — 41
רעב ייצכאַק אין קאַזאַכסטאַן — 46
די פּערסישע באַלאַדע — 48
אין קיבוץ — 51
דער גאַליל אין נעפּל — 52
א שטערן אין היי — 54
דער שיקערער סאָנעט — 57
אַקוואַרעל — 58
פּוילן — 60
יאָרצייט באַלאַדע — 62
גרינע יאָנטויווים — 65
לאָנדאָנער אַריטמעטיק — 71
אַן אָוונט אין קינגסטאָן — 73

## אין לאַנד פון קנאַאַן

שימשען — 79
מאָרדכע האַצאַדיקס טפילע — 87
דוואוירע די נעוויע זינגט — 93

## צעבראָכענע פליגל

שאַבעס מאַלקע — 99
שרייב מיר א בריוועלע, מאַמעשי! — 115
ראָזענבלאַט מאָרדכע־וואָלף — 125
אונטערוועגנס באַנאַכט — 146
א מאַיסע מיט א ווייסן האָז און א קליינטשיק ייִנגעלע — 164

*Este libro se terminó de imprimir en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes* 1976, *Buenos Aires, el día* 31 *de Enero de* 1948.